מיניאַטורען · פון · ז. סעגאַלאָוויטש

ז. סעגאַלאָוויטש.

מאָן

מיניאַטורען

1922

פאַרלאַג א. גיטלין

ווארשע.

WARSZAWA
Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6.

געשריבן אין די יאָרן
1914_1920

הילע - וויינטרויב.

מאָן=בלומען.

איינמאָל, לאַנג, מיט יאָרען צוריק.

דער צוג מיט וועלכען, איך בין געפֿאָרען איז צוגעקומען צו א מיניאטור-סטאַציע.

האָט זיך אָפּגעשטעלט. געווען איז עס זומער, דער מיקראסקאָפּישער וואָקזאַלכל האָט געדרימעלט, צוויי-דריי פיגורען האָבען זייערע שאָטענס געוואָרפען אויף דעם אספאַלט פון דער פלאַטפאָרם.

נאָר אַרום די פעלדער האָבען געזונגען, דער בורשטין פון די קאָרען האָט זיך אין זון געבאָדען און געאָטעמט מיט מחיה=נשמה ווינטעל.

די קאָרען=פעלדער זענען אזוי נאָנט געווען. . דער צוג מיט'ן וואָקזאַלכל האָבען דאָ זעהר א קליינעם פּלאַץ פֿאַרנומען פּונקט, ווי א שיפעל אויפ'ן גרויסען ים.

פון די קאָרען אַרויס, האָבען שטיפערישע קליינע רויטע קאַרדינאַלען די קעפּלעך אויפגעהויבען און געוואונקען...

רויטע מאָן בלומען.

די פענסטער פון וואַגאָן זענען אָפען געווען, יונג און אַלט האָבען אַרויסגעקוקט אויף די ברייטע פעלדער און אויף די רויטע בלימלעך...

דער צוג שטייט דאָ א רגע, אָבער די רגע איז אַזאַ

גרויסע, אזא ליכטיגע דעם אָטעם פערכאַפּט זי.

די רויטע בלימלעך ציען לאַנגע רויטע פינגער אויס און רופען צו זיך. .

בין איך אַרויסגעלאָפען פון וואַגאָן, איך האָב געוואָלט אָפּרייסען עטליכע פון זיי. אין די קאָרען בין איך אריין און אויף גיך, אויף גיך געגנב'עט פון גאַטס פעלד.

פון וואַגאָן פענסטער האָט מען מיך געוואָרענט: גיכער, דער צוג געהט אָפּ!

דאָך איין בלימעל נאָכן צווייטען, עס האָט מיך פערצויגען אַלץ טיפער אין די קאָרען.

און דער צוג איז אָפּגעגאַנגען.

מיט אַלע מענשען, מיט מיין באַגאַזש...

איך בין געבליבען אויף דעם עלענדען וואָקזאַלכל; מיין לאַגע איז געווען גאָר נישט קיין פריילליכע, עס האָט שטאַרק צוגעדריקט צום האַרץ, נאָט אָט האָב איך אויף געהויבען די אויגען און דערזען אַ ברייטע אינגענדליכע וועלט פאַר זיך, פעלדער, וועלדער, איינציגע בוימער אויף בערגלעך און ווי שלאַנגען האָבען זיך געצויגען צווישען דער דאָזיגער גרינער וועלט די שינעס.

איך האָב דערזען די עטליכע בלימלעך אין מיינע הענט, אַזעלכע רויטע, אַזעלכע לעבעדיקע, זיי האָבן געלאַכט צו מיר אין געמינטערט.

איך בין געבליבען אַליין נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין חרטה.

דער בוים.

אין מיט'ן הויף ארומגערינגעלט מיט פיר ווענט פון גע-מויערטע הייזער, איז אן'אלטער צוויי-הונדערט-יעריגער בוים גע-שטאנען.

אין יעדע וואנט האט צענדליגער פענסטער און פון יעדן פענסטער קוקען יונגע און אלטע אויגען. זיי האבען געקוקט אוף'ן בוים: זומער, ווי ער בליט און אין הערבסט ווי ער וועלקט.

א ברייטען שאטען האט דער בוים ארום זיך גע-ווארפען, ווי א גוטער אלטער זיידע, וועלכער גיט נאך אפ פאר זיין לעבען די גאנצע ירושה פאר זיין משפחה:

— טהיילט זיך, קינדער און איניקלעך, נור לעבט בשלום!

אזוי איז דער בוים געשטאנען און אנגעזאגט די שכנים פון גרויסען הויף, אז דער פרילינג איז נאנט און אין הערבסט פלעגט ער פאר טרויער זיינע גרינע קליידער אויסטון.

איז פארהאן א פאטאלע האנד אין אונזער לעבען, א האנד וואס זעגט אונטער אלע בוימער...

דער בוים איז געפאלען, דער שטארקער גיגאנט, האט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גרויסען הויף, א טויטער, א שטומער.

קינדער האבען זיך אויף זיין רוקען געזעצט און גערי-

טען. זיי האָבען נישט פערשטאַנען די קינדער, אַז זיי רייסען אויף דער שיינער פאַרגאַנגענהייט...

דערנאָך האָט מען דעם בוים אויף שטיקער צושניטען און יעדער שטיק אויעקגעפירט.

אויף דעם הויף איז אומעטיג געוואָרען, כאָטש זון איז צוגעק מען.

אין דער ערד איז נאָך דער וואָרצעל פון בוים געבליבען, און יענע פאַטאָלע הינד האָט זיך נישט באַרוהיגט, מען בעדאַרף אויך דעם וואָרצעל אויסגראָבען.

*

עס האָט אַ סך געדויערט, דעם בוים האָט מען אין אַ האַלבען טאָג אונטערגעזעגט און דעם וואָרצעל אַרויסגראָבען האָט אַ סך געדויערט, ווייל דער וואָרצעל האָט זיך ברייט פונאַנדער-געוואַקסען אין דער ערד, און וואָס די ערד נעמט אַריין אין זיך, לאָזט זי אַזוי לייכט נישט אַרויס.

מען האָט געגראָבען און געגראָבען...

דערנאָך האָט מען דעם וואָרצעל אַרויסגעשלעפּט פון דער גרוב אויפ'ן הויף און איהם געלאָזען ליגען. ער האָט זיך גע-טריקענט אויף דער זון אין געדאַרט, זיין ערדישע זאַפט האָט די לופט אויפגענאַשט און עס פערטראָגען מיט'ן ווינט.

מען האָט איהם אַרומגעוואָרפען דעם וואָרצעל פון איין ווינקעל הויף אין צווייטען...

ביז די שכנים האָבען דערגאַנגען, אַז דער וואָרצעל איז זעהר טרוקען און קאָן צונויץ קומען פייער צו מאַכען...

האָבּען זיי געגנב'עט פֿון אים שטיקלעך, שפּענדלען געגנב'עט און געמאַכט פֿייער. נישט קיין פֿלאַמען. נישט קיין שׂרפֿה, וועלכע ריינִיגט אָפּ און באַנייט.

זיי האָבּען דעם פֿייער אין קיך בּיי זיך באַנוּצט.

און דעם וואָרצעל האָט מען איינגאַנצען צו בּיסלעך פֿאַרניכטעט.

זיי האָבּען נישט פֿאַרשטאַנען די מענשען, זיי האָבען די זייער פֿאַרגאַנגענהייט פֿאַרבּרענט...

דער מאָטאָציקעל.

ארום הערשט די נאַקעטע נאַטור. פעלדער געאַקערטע און פאַרזייהטע, פעלדער מיט האַלב וואַסערדיגע לאָנקעס, בערג־לעך, איינציגע בוימער, גרעסערע און קלענערע וועלדער. א פאַראיאָריגער באַרג שטרוי — שוואַרץ פון רעגען און ווינד קוקט, ווי עמיצענס געצעלט... שטיל ארום. לערכעס זינגען א קראָ לויפט פאַרבײַ און שרייט איהר „קראַ״, נאָר עס שרעקט נישט היינט. עס איז זומער אויף דער ערד און אויפ׳ן הימעל..

דער איינציגער סימן פון קולטור איז דאָ דער שאָסע און די איינציגע מענשען, וואָס מען זעהט דאָ, זענען — אויפ׳ן שאָסע.

צוויי פויערים אין פאָסטעלעס מיט קליידער פון זאַק ציצען די פיס אונטערגעלעגט און האַקען שטיינער. זיי זענען ביידע משוגה׳דיג פאַרוואַקסען און א געזונדער שווייס טריפט פון זייערע טעמפע פנימ׳ער. די האַמערס קלאַפען, פון די גרע־סערע שטיינער שיטען זיך קליינע שטיינדלעך און נעבען די פויערים קלייבען זיך אָן גרויסע בערגלעך מיט שטיינערנער קאַשע ..

נאָר דעם גאַנצען רויש וואָס זיי מאַכען מיט די האַ־מערס, נעמט אריין די נאַטור אין זיך, ווי דאָס וואָלט געווען א

טייל פון איר, אנ'אטהעם פון איר, א זיפץ פון איר פאַר-אייביגטער שטילקייט. די נאַטור וואַכט אויף בעגינען מיט שטיל-קייט און פאַלט מיד ביינאַכט מיט שטילקייט. ווי לעבען גייט צו טויט אַזוי גייט די נאַטור צו דער שטילקייט.

די צווי פויערים קלאפען מיט די האַמערס און נישט ווייט פון זיי גראַבט זיך אַ קרעט פון דער ערד אַרויס און נישט ווייט פון זיי איילען ערגיץ פאַרנומענע, שטאַרק באַשעפטיגטע מוראַשקעס און יונגע פויגעל פישטשען ערגיץ אין גראָז.

טיק-טאַק, טיק-טאַק. שטיין-קאַשע שיט זיך און שיט זיך...

מיט אַמאָל... אויפ'ן שאָסע דערהערט זיך אַ שדים גערויש און אַ שטויב הויבט זיך אויף. אין איין סעקונדע דער-נענטערט זיך דער רויש אויף אַ גאַנצען וויאָרסט...

עס לויפט אָן אַ מאָטאָציקל און שטעל'ט זיך אָב. צי די פויערים האָבען עס שוין געזען, אָדער נישט געזען? די האַמערס לאָזען זיך אַראָב. זיי גלאָצען אויף דער שטאָלענער חיה'לע מיט די אויגען.

און אַ פאַרשטויבטער מענש קריכט אַראָב פון די פאַר רעדער. דאָס חיה'לע שטייט אויף איין אָרט און צאַפּעלט זיך און קלאַפּט...

— „פייערו!" בעט דער מענש און ער נעמט אַרויס אַ פאַפּיראָס צו פאַררויכערען. איינער פון די פויערים רוקט אַריין די האַנד אין קעשענע און ברענגט אַרויס אויף גאָט'ס וועלט אַ קרעמען מיט אַ רויטער שנור... „טשיק טשיק" און דער

רויטער שניר נעמט זיך כמאַלען. דער מענש פאַרוויכערט אי קריכט ווידער אַרויף אויף די צוויי רעדער. דאָס חיה'לע נעמט זיך בויגען, טאַנצען אין גיט מיט אַמאָל זיך אַ צי איבער דעם ווייטען אויסגעפּרעסטען שאָסעע אין שוין נישטאָ... אַ שטויב איז געבליבען. פּינקט ווי אַ שטאַרקער פויגעל, ביי וועלכען די פליגעל זענען צובראָכען געוואָרען. לויפט עס אַזוי אויף דער ערד מיט'ן זעלבען אימפּעט, לויפט עס זיך בעהאַלטען פון ווּעמען.

די צוויי תּויערים קוקען זיך שטום אַרום אין נעמען זיך ווידער צו די האַמערס. בעת'ן קלאַפּען רופט זיך איינער אָפּ:

— אַ שד, אַנ'אמת'ער שד! נאָר דער צווייטער הערט אים ניסט, ווייל די האַמערס קלאַפּע ...

און אביסעלע ווייטער גראָבט זיך אַ קרעט פון דער ערד און אין דער ערד. אַ קליין גליקליך פויגעלע קוקט מיט אירע פּיטשענקע אויגעלעך אויף דער גרויסער לעדיגער וועלט און זינגט...

דער שטויב אויפ'ן שאָסעע האָט זיך שוין איינגעלעגט, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געווען...

דער גנב.

אַ פויער האָט אין זיין גאָרטען געכאַפּט אַ גנב, אַ יונגע, אַ באָרוועסען פֿון אַ צווייטען דאָרף. דאָס יונגעל האָט געגנב'עט עפּעל.

און צווישען זיי איז פאָרגעקימען אַ שמועס.

דאָס יונגעל האָט אַזוי געזאָגט:

— לאָז מיר אָב דאָס אויער, וועל איך קאָנען הערען װאָס דו רעדסט צו מיר. דער אַרגומענט האָט געווירקט: דער פויער האָ אים דאָס אויער אָבגעלאָזען.

דער פויער האָט געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס גנב'עסטו פֿרעמדע עפּעל?

— עפּעל מעג מען גנב'ענען.

— ווי אַזוי? בייזערט זיך דער פויער.

— שוין די ערשטע מענשען האָבען נישט אויסגעהאַלטען און זיי האָבען פֿון גן-עדן עפּעל גע'גנב'עט.

— גאָט האָט זיי דערפֿאַר באַשטראָפט.

— ווי אַזוי האָט ער זיי באַשטראָפט? אַז עפּעל בלייען ווידער...

דער פויער ווייזט אים אָן אויפ'ן הימעל:

— אַט דאָרט אין דער הויך איז מען אין כעס פאַר אַזעלכע מעשים.

— דאָרט אין דער הויך! חזר'ט איבער דאָס יונגעל. דאָרט אין דער הויך זענען דאָך גישטאָ קיין פלייטען, פריי איז דאָרטען.

— קיין פלייטען זענען דאָרט ניִשטאָ, נאָר אַ גהינום איז דאָרט פאַרהאַן און פאַר אַלע זינד בראָט מען און מען ברענט אין סמאָלע...

— העי! מאַכט דאָס יונגעל און קראַצט זיך אין די שלייפען.

— וואָס „העי?" פרעגט דער פויער.

— דאָרט אויבען אַ גהינום... עס גלויבט זיך ניִשט עפּעס אַזוי בלוי איז דאָרט, אַזוי רוהיג, אַזוי גוט..

דער פויער הויבט אויף די אויגען. קוקט אין הימעל אַריין, פאַרקלערט זיך און פאַרטיפט זיך גאָרניִשט אין קיין ערדישע געדאַנקען.

דאָס יונגעל גוצט אויס די געלעגענהייט רוקט זיך אָפּ אַ ביסעלע ווייטער אין אַנטלויפט פון גאָרטען.

אַנטלויפענדיג כאַפּט ער מיט מיט זיך אַן עפּעל...

זשוקעס.

איך האָב זיי ליב, די קליינע וויאָלינטשעליסטען, די שוואַרצע זשוקעס אין די טונקעלע פאַרנאַכטען. זיי זשומען אַריין אין אויער אַ נפּצרשט:נדליכע סודות, ס'פליהט פאַרביי גנב'יש ווי אַ פלינקע קויל און פאַרשווינדט.

זיי זענען גרויסע יחסנים, ווילען מיט דיר אין קיין לענגערען געשפּרעך זיך נישט אַריינלאָזען. פאַרבייגעלאָפען, אַ ברום געטון און אַדיע!.

יחסנים!

ווער ווייס זיי, פון וועלכע געהיימע ווינקעלעך זיי קומען, אין וועלכען שאָטען זיי זענען געבוירען געוואָרען. ווי ברעקלעך אָבגעהאַקטע נאַטור זעהען זיי אויס. אויסגעטאָקטע שטיקלעך חושך...

שמעטערלינגען פאַרביגע שאָרכען נישט מיט די פליגע-לעך, נאָר זיי, די זשוקעס זשומען און זשומען...

יחסנים!

נאָר אַמאָל טרעפט ווען אַזאַ יחסן פאַלט אַוועק אוי עם וואַלד שטעגעל מיט'ן בייכעלע אַרויף און ער זעהט דאָך גזיס אַזוי קלאָגעדיג, אַזוי נעבעכדיג! מיט זיינע אַלע פיסעלעך

באַפעלט ער זיך און קאָן זיך פון אָרט נישט רירען און דעי-
מאָלט גייט ס'רבּיי דער גרויסער מענש און ביי אים איז די
בּרירה; אָדער צוטרעטען דעם זשוק, אָדער אים איבּערקערען
מיט'ן בּייכעלע אראָבּ; זאָל ער פליִען און זשומען.

איך האָבּ נאָך קיינמאָל אזא זשוק נישט צוטראָטען.

איך האָבּ זיי ליבּ קליינע וויאָלינטשעליסטען...

זשו, זשו, זשו...

ליִבער פֿאַר אַלץ...

— וואָס האָט איִר ליִבער פֿאַר אַלץ?
פֿון פֿיִנף מענשען האָט איינער געענטפֿערט:
— איִך האָב ליִב די נאַטור איִן אַלע איִהרע ערשיינונ־גען. איִן זומער, איִן ווינטער, איִן שטיִלקייט, איִן דונער. איִך האָב ליִב צו טראַכטען פֿון איִר גרויסער פאַרגאַנגענהייט, מיִט די אויגען לויף איִך נאָך דעם פאַרביִגען שמעטערלינג, חייל דאָס איִז דאָך אוי׳ך אַ סעקונדע פֿון דער נאַטור...

דער צווייטער האָט איִם איִבערגעשלאָגען:
— הער אויף מיִט די פֿיִלאָזאָפֿיעס. איִך האָב ליִב די צייטיִגע עפּעל צו רייסען. די נאַטור איז מיין ליִפעראַנט, מיין פֿאַרזאָרגער...

דער דריִטער האָט געהאַלטען אַן׳עפּעל איִן האַנד און געגעסען:
— איִך וועל אייך שפּעטער ענטפֿערען. איִך ביִן פֿאַר־נומען מיִט מיין עפּעל.
— דער פֿיִרטער איִז געווען אַ פּעסעמיִסט:
— איִך האָב ליִב דעם הערבסט מיִט זיין טויטען גאָלד, ווען יאָר קומט ער אונז דערמאָנען, אַז אַלץ פֿאַרגייט,

אַז קײן שום זאַך איז נישט אײביק.

דער פֿינפֿטער האָט זײַנע חברים אָפּגעשטעלט.

זײ זענען געװען אױף דער רױשיגער גאַס. אַרום זענען פֿערד און מענשען געפֿלױגען. עלעקטרי און בענזין האָט גע-הערשט אַרום.

— אָט דאָס האָב איך ליב, האָט דער פֿינפֿטער זיך אָנגערופֿען און ער האָט זײ אָנגעװיזען אױף אַ ביסעלע גראָז װאָס האָט זיך געריסען פֿון אונטער די שטײנער פֿון ברוק אַרױס. אָט דאָס ביסעלע גראָז פֿרײט מיך מער פֿאַר אַלץ. לעבען רײסט זיך דורך שטײן אַרױס. די נאַטור איז שטאַרקער פֿאַר אַלע.

דאָס ביסעלע גראָז האָט נאַאיװ און באַהאַלטען אַרױסגע-קוקט פֿון דער ערד. דער װאָס האָט אױגען, דער װעט עס שטענדיג געפֿינען...

בּיכער.

— זיידע, גראָהער!...

— וואָס פאַרלאַנגסטו, פרינץ פון לעבּען, פריילינג אין קלוג אייניקל מיינס? דערלאַנג דיין האַנט און דערצייל פאַרטרוי-

— ווי האָסטו מיך אָנגערופען. ווייסגראָהער זיידע?

— פריילינכער, קלוגער...

— יאָ, זיי האָבּען מיר געגעבּען אַ ביך אין האַנט אין דאָס ביך דערציילט פון גאָך בּיכער, און יענע בּיכער דערציילע- אויך פין בּיכער, אַזוי פיל אמת׳ן, אַזוי פיעל ווידערשפּרוכען. ן זייוע, איך האָבּ זיך פאַרפלאָנטערט אין די בּיכער.

— דו? דו בּלייבּסט דאָך אַזוי פריילינך, פון גאָרטע הער א.ך דיר זינגען אין בּעאַ, מיין שענסטעס אייניקעל, האָט מיר היינט דערציילט, אַז זי איז פאַרליבּט אין דיר, אלנ פאַרן ליבּען זיך אין דיר, דו גליקליכער, בּליענדער...

— זיידע! דער ספק האָט זיך פאַרקליבּען אין מיין בּרוסט און נישט אַלע מאָל פרייט מיך שוין די זון.

— לייען נישט קיין אומעטיגע בּיכער! אומצופרידענע מענשען האָבּען זיי אָנגעשריבּען, שוואַכע מענשען, וועלכע האָבּען גיכט געקאָנט שטאַרבּען מיט זייער טרויער; וואַרף־אָבּ פון זיך זייער ירושה...

— זײדע! די גרעסטע גאונים האָבען אונז זײערע -געדאַנקען געשײנקט, געזאַנקען װי פֿײלען, אָדלער-געדאַנקען...

— װעלכע האָבען נאָך אָבער קײנמאָל ניִשט דערגרײכט צו יענע הױכקײטען, װאוהין זײ שטרעבען...

— און זײ װעלן ניִשט דערגרײכן, זײדע?

נײן, מײן קינד! די זײ קאָן בלױז װאַרימען פֿון װײטען, נאָנט צו זיך לאָזט זי ניִשט צו, זי פֿאַרברענט... אָבער זײ ניִט פֿצרטרױערט! אײנער װעט דערגרײכען, דער לעצטער מענש װעט אַרױף אױפֿ'ן הימעל:

— װי אַזױ װעט עס געשען?

— מענשען װעלען באַשאַפֿען אַ גרױסען באַרג, אַ באַרג פֿון ביִכער. זײערע שענסטע געדאַנקען און געפֿילען װעלען ד' ביִכער פֿאַרשלינגען, זײער לעבען װעט עס אײנזאַפּען. װאָס העכער דער באַרג, אַלץ װעניִגער מענשן. װאָס העכער דער באַרג אַלץ װעניִגער לעבען. זײער ליבע לעבט אין די ביִכער בלױז זײער שטרעבען אין די ביכער, זײער דרײסט און מוטיִגקײט — אין די ביִכער. עס װעלען קלעטערען אַלע, יעדער װעט האָבען װאָס צו זאָגען, יעדער װעט אַ בוך שרײבען. און די װעלט װערט דערװײל מער פֿאַרלאָזען: די זון װאַרימט אומזיִסט ד' פֿעלדער — קײנער אַקערט זײ ניִשט, קײנער זײט זײ ניִשט... און די מענשען קלעטערען אַלץ העכער אױפֿ'ן באַרג. זײ זענען שױן גאָר װײניִג, בלײכע, מיִט מאָגערע הענט, מיִט שײנע, אױ-מעטיגע אױגען, מיִט װײסען אײדעלען ליב... נור אײנציִגװײז פֿאַלען זײ צוריק אַראָפּ אין טאָל. עס בלײבט בלױז אײנער —

דער לעצטער מענש. ער שרייבט דאן דאס לעצטע בוך, ער באַ־ ינגט דעם שווערען, טויזענט-יעריגען וועג, אין ער שטעלט דעם לעצטען טריט... דער לעצטער מענש. עס עפענט זיך דאן זא קליין טיר'ל פון הימעל, עס באווייזט זיך א האנט און דער לעצטער מענש ווערט פארשוואונדען אינעווייניג... אבער וואס שוויגסטו אזוי, אייניקעל מיינס! וואס טראכסטו איצט, ווען די האלב-טאגיגע זון שפאצירט?

דער סוף פון דער וועלט.

עס וועט קומען. א שטומער גיגאנט, מיט שטילע געלאַ-סענע טריט וועט ער גיין, און, שפרייזענדיג, רויג שפרייזענדיג וועט ער אַלץ אַרום זיך חרוב מאַכען.

פון לעצטען פאַרבליבענעם וואַלד, פון ערגיץ אַ „ווייטע נאָך ניט געפונענעם לאַנד וועט ער קומען, און, שפרייזענדיג, וועט ער מיט זיין ריזיגער גרויסקייט פאַרשטעלען די זון, און איינהויבענדיג אַ האַנט, וועט ער אַ שטורעם ברייננגען, שרעק און שטורעם.

ער וועט גיין איבער דערפער און שטעט. פויערשע הייזלעך און גרויסע שטיינערנע פּאַלאַצען — אַלץ וועט פאַלען אונטער זיינע טריט. פעסטונגען און אייזערנע בריקען — אַלץ וועט צומוראַטען ווערען, צוברעקעלט...

ער וועט גיין וואָס אַ טאָג ווייטער פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, פון ערד-טייל צו ערד-טייל. מענשען וועלען שטאַרבען אין יסורים אונטער די וואַגען, זיי וועלען שטאַרבען פון שרעק — דער סוף איז געקומען! שיינע גערטנער, בילדער-גאַלעריען, מוזעאומס, מאָנומענטען און סטאַטועו, אַלץ וועט פאַרשוואונדען ווערען, קיין זכר וועט ניט בלייבען. און דער ריז גייט אַלץ ווייטער.

דערנאָך, ווען אַלץ וועט שוין ליגען טויט און אונטערטעניג און דער ריז וועט צוריק אַוועק, פון וואַנען ער איז געקומען, דאַן וועט דער ים אַרויס פון די ברעגען און אָפּשווײנקען די ערד... אָפּוואַשען דעם שמוץ פון די טויזענטער דורות. עס וועט זיין דער צווייטער מבול: די לעצטע שפּענדלעך, די לעצטע ביינער פון די אַלטע קברים וועט דאָס וואַסער צום אָפּגרונד פון ים אַוועקטראָגען.

די וועלט וועט זיך באַנייען: עס וועט אָנהויבען ווידער צו גרינען, די לופט וועט זיין קלאָר און ריין, ווי דאַן, אײדער דער מענש איז געבוירען. עס וועט אין ערגיץ קיין צוים נישט זיין, קיין שטייגל...

עס וועט הערשען די ווילדקייט פון דער נאַטור: דער לייב וועט פאַרהילכען דעם וואַלד מיט זיין געשריי, דער פּאַפּוגײַ וועט זיך רוהיג פּלאַפּלען און טאַנצען פון צווייג אויף צווייג. און גרויסע טשערעדעס הירשען וועלען זיך יאָגען איבער דערנער און הויכע ווילד־געוואַקסענע גראָזען; אין דעם שרייען פון די חיות וועט זיך שפּירען די אייביגקייט פון דער נאַטור. אויף די הויכע בערג וועט ווידער הערשען דער אָדלער אויף זיינע פעלזען, ער אליין וועט קיגיגען צווישען באַרג און טאָל.

און די מאַלפּע וועט זיך אַקראָבאַטיש ברעכען אויף די צווייגען פון אייביגען וואַלד, זי וועט אַרומשפּריגען פון בוים אויף בוים אין וואַלד און קוויטשען פון פרייהייט. זי וועט דרימלען אין רוהיגקייט, און חלומ׳ן וועט זיך דער מאַלפּע, אַז אַמאָלי־

אמאָל... מיט דורות צוריק, ערגיץ אמאָל האָט זי געלעבט אָן
א ווײדעל...
וועט זי זיך דערשרעקן אין שלאָף, נור אויפכאפענדיג
וועט זי זיך באלד בארויגען: זי איז אנ׳אמת׳ע מאלפע מיט
אג׳אמת׳ן עק...
פון לעצטען פארבליבענעם וואלד, פון ערגיץ א ווײטען
גאָך גישט קײן געפינענעם לאנד וועט אײנער קומען...
ער וועט גײן און פארניכטען דאָס זינדיגע לעבען..

אין אַ אומעטיגע אָוונט.

אין איינעם פון זיינע אומעטיגע אָוונטן האָט ער אָנגעקלאפט אין א בעקאנטעס הויז ווי א פארוואָגעלטער יתום האָט ער געזוכט אביסעלע ווארימקייט און ליכט.

מען האָט פאר אים די טיר פריינדליך געעפענט, עטליכע הענט האָבען גאנץ אויפריכטיג זיך אויסגעשטרעקט צו אים.

א מיידעל האָט א בוך פאָרגעלעזען, האָט ער זיך רוהיג א פלאץ געפינען און אויך זיך צוגעהערט.

עס האָט זיך דערצעהלט אין בוך וועגען אייגעם... וועגען א מענשען, וואָס האָט א סך געליטען. וואָס האָט ער געוואָלט דער מענש? אראָפציהען די זון אויף דער ערד? מאכען אנ׳אייביגען יום-טוב פאר זיך, פאר אַלעמען... וואָס האָט ער געוואָלט דער מענש?

דער ניי-אָנגעקומענער האָט אויסגעהערט די ערצעהלונג און ליכט געציטערט אין זיין שאָטען-ווינקעל: דאָס זענען דאָך זיינע איבערלעבונגען, אי בוך שוועבט זיין אומרוהיגקייט...

אין בליקען פון מיטגעפיל זענען בסדר געפאלען פאר די צוהערער.

בסדר געפאלען... אויפ׳ן בוך.

אַ באַגעגעניש.

איינמאָל האָט א פרעמדער מענש די האנט צו אים אויסגעשטרעקט. דאָס איז געווען אויף א שטיינערנער גאס צווישען א סך פרעמדע מענשען.

— איר האָט א טיף־ליידענדען געזיכט, האָט דער פרעמדער צו אים געזאָגט, — איר האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט אייער בליק.

ער איז אים שוין גרייט געווען צו דאנקען דעם פרעמדען, א שטילע פרייד האָט גענומען וואקסען אין זיין ברוסט: צי דען זענען נאָך מעגליך אזעלכע באַגעגענישען?

נאָר דער פרעמדער האָט זיין פרייד פאַריאָגט:

— איך זוך שוין לאנג אזא פנים, אזא בליק... איך מאָל איצט א גרויס בילד... ער האָט א טרויעריגען שמייכעל געטאָן און איז האסטיג אָפּגעגאנגען פון פרעמדען. און שפּריזענדיג האָט ער אלץ געטראכט: ווי אזוי באהאלט מען פון די מענשען דעם אומעטיגען בליק?

די שטילקייט.

איינמאָל האָט ער אין א גאָרטען ביינאכט דערזען א סטאטוע וואָס האָט סימבאָליזירט דאָס שטילקייט. עס איז געשטאַנען ביי א קלאָרען טייכעל און מיט פערצייבלונגע רוהיגע אויגען אראָפגעקוקט אין וואסער, פונקט ווי זי וואָלט אין טייכעל זען דעם גן-עדן מיט אלע מלאכים, אים איז דאן איינגעפאלען א געדאנק: נאָכטאָן דער ווייסער סטאטוע אין שווייגען, שווייגען אזוי ווי זי שווייגט. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דעם ברעג פון טייכעל אין דערזעלבער פאָזע ווי די סטאַטוע און געקוקט, געקוקט טיף אין וואסער, די געדאנקען האָבען זיך גענומען אָפּרייסען, די פיס האָבען זיך צוגעשמידט צו דער ערד און אין זיינע אויגען האָט זיך אויף א רגע בעוויזען די רוהיגקייט, א האַלבער שמייכעל איז שוין געבוירען געוואָרען אויף זיינע ליפען.

אין דער רגע איז אָנגעכערען אויפ׳ן וואסער א שיפעל, צוויי פערליבטע זענען דאָרט געזעסען. זיי האָבען זיך געקושט.

די סטאטוע איז געבליבען רוהיג נאָר דער מענש האָט ציטער געטאָן, זיין רוהיגקייט איז גלייך פארשוואונדען געוואָרען.

וואָס אַ פֿרוי טראַכט.

דער סולטאַן אבדול=קאַאיר האָט פֿאַרבראַכט זיין לעבען ווי שלמה המלך. אַלע פֿריידען, וואָס די ערד פֿאַרמאָגט האָט ער פֿאַרזוכט. סולטאַן אַבדול-קאַאיר האָט שוין גענומען אַלט ווערן און פֿאַרשידענע ספֿקות האָבען אים געפּייניגט. ער וואָלט גע=וויס אַ גייעם קהלת אָנגעשריבען, נאָר דאָ האָט ער באַגעגענט אַ יונג מיידעל, אפֿשר נאָך שענער ווי שולמית, און ער האָט זיך פֿאַרליבט, ווי אַ יונג בחורל.

ווידער ווייַן און געזאַנג אין סולטאַנס פּאַלאַץ, נאָר סולטאַן אַבדול=קאַאיר איז שוין אַלט געווען און אַרום אים זענען אַ סך יונגערע מענער געווען. איז זעהר איפֿערזיכטיג געוואָרען דער סולטאַן און ער האָט זיך גענומען אויסראַטען אַלע יונגע, אַלע קלוגע, און אַלע דרייסטע מענער פֿון זיין לאַנד. ווייל וועלכע פֿרוי קאָן ביישטעהן געגען אַ יונגען בעת זי, איז אליין יונג? וועלכע פֿרוי פֿאַרליבט זיך נישט אין קלוגען מאַן בעת זי, די פֿרוי, איז דער געגענזאַץ פֿון דער קלוגשאַפֿט, וועלכע פֿרוי ליבט נישט דעם דרייסטען, בעת זי איז איז שוואַך אַליין?

האָט סולטאַן אַבדול-קאַאיר געהאַט זיינע משרתים, סריסים, וועלכע פֿלעגען אוועקשיקען אַלע מענער פֿון זיין לאַנד אויף יענער וועלט, אַלע מענער אין וועלכע זיין שולמית וואָלט זיך געקענט פֿאַרליבען.

איז אָבער זיין געליבטע פֿערטרויערט געוואָרען.

— וואָס ביזטו טרויעריג, האָט בײַ איר געפרעגט דער סולטאַן.

— דו פֿאַרניכטעסט אַלע מענער פֿון אונזער לאַנד.

— וואָס? דו האָסט שוין וועמען ליב פֿון זײ? און מיך האָסטו שוין פֿאַרגעסען?

— נײן, טײערער סולטאַן מײנער, איך האָב דיך ליב און אײביג וועל איך דיך ליבען, נאָר דו שיקסט אַוועק אויף יענער וועלט אַלע מענער און דאָס מאַכט מיך טרויעריג.

— וואָס גײט דאָס דיך אָן? ווען דו ליבסט מיך...

— יאָ, נאָר טאָמער, טאָמער, שטאַרבסטו און אין לאַנד וועט קײן מאַן נישט בלײַבען, קײן אײנציגער...

דער סולטאַן אַבדול-קאַדיר האָט זיך פֿינאַנדערגעלאַכט פֿון לאַכען האָט אים נעבעך די האַרץ געפּלאַצט.

וואָס אַ פֿרוי פֿאַרלאַנגט.

— וואָס דו זאָלסט ניִשט פאַרלאַנגען געטרייע מיינע אלץ וועל איך דערפֿילען, דו ביזט מיין גאָט, מיין געזעץ.

און זי האָט פאַרלאַנגט וואָס אין פֿאַנטאַזיע קאָן איינפֿאַלען, דער מענש האָט זיך צוליב איר רואינירט, ער האָט זיין שוואכע אַלטע מוטער באַליידיגט און פאַרלאָזען, פֿון זיין לאַנד ניט געוואָלט וויסען. יעדער קאַפּריזעל וואָס די שמאָלע ביזע ליפען זאָל ניִשט אַרויסריידען, איז ער געלאָפען צו דערפֿילען...

זי האָט עס גענומען ווי אַ בת-מלכה, זייענדיג זיכער, אז אזוי מוז עס זיין.

זיי האָבען דאַן פֿאַרבראַכט ביים ים. די געליבטע זיינע פֿלעגט כסדר קוקען פֿון גרויסאַרטיגען האָטעל דורכ'ן פֿענסטער און פֿאַרטרויערט זיך געבייזעט.

— וואָס איז? וואָס פֿעלט דיר, וואָס פערלאַנגסטו?

אויף די קני איז ער פֿאַר איר געלעגען, געקושט די שיך אירע.

— וואָס איז? וואָס פעלט דיר?

זי האָט אים צוגערופֿען צום פֿענסטער.

— דו זעסט דעם יונגענמאַן, וואָס שטייט אנטקעגען? אָט דער פאַרטראַכטער מיט די געקרייזעלטע האָר, ער איז אַ מוזיקער, אַ פּאָעט... סאַראַ שיינע אויגען ער האָט...

איך זע אים, ביזט גערעכט, ער מוז זיין אַ מוזיקער, אָבער וואָס פֿאַרלאַנגסטו?

— איך ליב אים, איך בענק נאך אים, דו מוזט אים דאס איבערגעבען.

— איך?

— יא, דו. דו האסט מיר טרייהייט געשוואוירען, אלע מיינע פארלאנגען צו ערפיהלען... א, שלעכטער אומגעטרייער...

און זי האט מיט די פיס געטופעט.

גוט! האט ער געזאגט, איך נארישער פארליבטער, איך וועל אלע דיינע פארלאנגען ערפיהלען.

ער איז אוועקגעגאנגען און זיך אויפגעהאנגען.

צוויי וועגן.

דאָס לעבען האָט צוויי וועגען: א גלייכען און א קרומען.
אויף דעם גלייכען וועג גייען מיליאָנען מענשען כמעט
אלע וואָס לעבען אונטער דער זון.

דער גלייכער וועג איז: צופרידענהייט און זאטקייט. זאָרגלאָזיגקייט און פארגעניגען. אלע שטרעבען צו דעם וועג; די וואָס קאָנען פלינק צו איהם נישט קומען, קריכען ווי ווערים צו דעם וועג, זיי ראנגלען זיך מיט די דערנער, וואָס פארשטעלען זיי — פריער אָדער שפעטער, זיי וועלען געפינען דאָס ביסעלע זאטקייט, זיי וועלען אָנקיועלען פון צופרידענהייט.

און שפרינגען זיי אמאָל אומגערען אראָפ פון זייער גלייכען וועג, דאן כאפען זיי זיך באלד צוריק ווי אייגעבּיסענע פון שלאנגען.

דער קרומער וועג האָט צופיל דערנער א ן אומרוהיגקייט. נישטאָ קיין ענדע אויף דעם קרומען וועג... פיל די זאָלסט אויף איהם נישט ליידען, הערסטו שטענדיג א פערבאָרגענעם באפעל: „העכער!" „ווייטער!" „שטעל זיך נישט אָפּ, אומצופרידענער מענש"!...

און די וואָס קומען אויף איהם זענען בלויז פרייוויליגע,

זיי פארלאָזען זעם גלייכען וועג און לויפען צום קרומען, זיי אנטלויפען פון שימעל און ראָנט..

און ווי ביז דער קרומער וועג זאָל נישט זיין, באפרישט ער שטענדיג, ווי א לויפענדער שטראָם וואסער. ער לאָזט נישט איינשלאָפען די נשמה און וועקט די פארלאנגען.

ער נעמט אלץ צו דער קרומער וועג און שטאָט אלעס׳ גיט ער בלויז פארלאנגען...

הייכע אומדערגרייכטע אָדלער-פארלאנגען.

אין קיינער פון די, וואָס קומען אויף אים, האָבען נאָך קיינמאָל נישט דערגרייכט...

קיין איינאייציגען פארלאנג..

און דאָך בלייבט ער נישט ליידיג דער וועג: עס קומען צ נ״ע מאַרטירער און שטארבען אויף אים.

איין גאָט חייסט, צוליב וועמען און צוליב וואָס זיי שטארבען גאָר אהין צום גלייכען ווער וועגדט זיך נישט זייער בליק, צוריק גייען זיי נישט..

דאָס זענען די איינזאמע כהנים פון לעבען. גאָט האָט פאר זיי א באזונדער׳ן בוך, באזוגדערע ליידען און באזונדערע ברכות ווי און וואויל איז זיי, די אייביג-אומצופרידענע.

אַנ׳איינזאַמע לויה.

אויף דער רוישיגער לעבעדיגער שטאָדט-גאַס האָט זיך פּלוצלינג באַוויזען דער שוואַרצער וואָגען... נור וואונדערליך איינגאַנצען גייען נאָך דריי מענשען: צוויי אלטע פרויען געבויגענע אין ברוינע קליידער, און א יונגערמאַן מיט האלב-פּארלאָשענע אויגען.

מער קיינער נישט.

אַ מענש האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרען און דאָס זענען די באַגלייטער!

מיר זענען דאן געשטאַנען אַ גרופּע יונגע לייט און גע-רעדט זינגענדע ווערטער, זענען מיר שטיל געוואָרען: אזוי אָרעם. אזוי איינזאם און אזוי פייערליך האָט דאן אויסגעזעען די לויה׳ דעם טויט׳ס פּאראד...

די פערד האָבען שטיל די קעפּ געבויגען, און לאנג-זאַם די פיס געשטעלט: וואָס האָט דער טויט זיך צו איילען, ווען זיין קרבן איז שוין פארטאָג?

מענשען האָבען זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף דער איינזאמער לויה, יעדען האָט אינטערעסירט: איז ער אזוי איינזאַם געווען דער געשטאָרבענער? איז ער אזוי זינדיג געווען?

פאַרוואָס גייען בלויז דריי מענשען נאָך?

האָט זיך פלוצלונג איינער פון אינזער גרופּע אָגגערופן
— מיר וועלען אים באגלייטען דעם געשטאָרבענעם וואָר
עס זאָל נישט זיין, מיר וועלען אים באגלייטען אין נאָמען פון
זיין פארלאָשענעם לעבען...

אויב ער איז א שלעכטער זינדיגער מענש געווען, האָט מען שוין אוודאי פיל שלעכטערע און מער זינדיגע מענשען מיט גרעסערען כבוד צו קבורה געבראַכט... סיי-ווי-סיי איז דער טויט אלץ מוחל...

אויב ער איז פרום און גוט געווען, דאן מוזען מיר אים, זינדיגע, כבוד אָפּגעבען...

לאָמיר באגלייטען א מענשען צו זיין אייביגער רו!

מיר זענען נאָכגעגאַנגען א פרעמדע לויה און מיר האָבען נישט געוואוסט, ווער עס איז דער מת...

די קרובים האָבען פאַרוויינטע אויגען געהאַט, האָבען מיר זיי נישט געוואָלט שטערען אין טרויער...

און צו רידעל ערד האָט יעדער פון אונז אויף זיין קבר געשאָטען...

שלאָף רוהיג!

ווער דו זאָלסט נישט זיין, שלאָף רוהיג!

דאָס לעבען האָט דיר אודאי שטאַרק געפּייניגט. גליקליכע שטאַרבען נישט אזוי עלענט...

דער פּאָעט.

עס רעדט צו אים א שטים:

— „טרוימער, דו נאַרסט זיך אָב, דו מאַכסט פון לעבען א שפּיגעל, אָבער דער שפּיגעל נאַרט דיר, דער גלאַנץ איז א פֿאַלשער. גיב א קוק! דאָס לעבען איז שענער פאַר דיינע לידער. דאָס לעבען אין פֿרילינג: וועסטו דען געפינען אזוי פיל קראַנ-געס נאָכצומאַכען דעם גרינעם רויש פון אלטען גאַרטען? הער זיך איין, ווי עס שפּילט דער יונגער קוואַל פון באַרג אראָב! וועסטו זען איינשמידען אין פערזען די זילבערנע שטראָמען, וואָס לויפען און מוזען לויפען אייביג ווייטער... וועסטו דען איינפלעכ-טען אין ריימען די אלע בלומען פון אלטען גאָרטען? דאָס בעזונ-גענע איז שענער פאַר דיינע לידער, דאָס טרויעריגע — טרוי-עריגער און דאָס גליק... דאָס ליד איז בלויז אַן אָבקלאַנג פון גליק. די ליפּען זינגען און די אָרעמס בלייבען לעדיג.

„זינגער! פֿאַרברען דיינע לידער אין דעם אש צובלאָז אויפ׳ן ווינט... ליב, לעב און שוויַיג פון גליק”

עס רעדט צו אים א שטים א געטרייַע און וואָרענט אים. ער הערט אלץ אויס, האָרכט אלץ אויס און נעמט דערביי טינט און פעדער און שרייבט א נייַ ליד...

א ליד פון דער שטים, וואָס רעדט צו אים און הייסט פאַרברענען זייַנע לידער.

דער אַקטיאָר.

ער איז געווען אַ מיטעלמעסיגער אַקטיאָר, זיין נאָמען פלעגט מען אַמאָל באַמערקען אין די לעצטע שורות פון אַ רע־צענזיע ער איז געווען פון די, וואָס האָבען זיך שוין מיאש געווען.

אַ רוהיגער פּראָפעסיאָנאַל, וואָס האָט זיך געהאַלטען אויף דער בינע, ווייל דאָס האָט אים געגעבען מיטלען צום לעבען.

נאָכ׳ן שפּילען פלעגט ער ערגעץ פאַרשוואונדען ווערען אין די פאַרוואָרפענע געסלעך פון שטאָדט, וואו ער פלעגט פאַר־ברענגען מיט קאָרטען־שפּילער.

נאָר פּלוצלינג איז ער באַרימט געוואָרען; ער האָט דאַן געשפּילט אַ נביא, וועלכען דער המון יאָגט נאָך מיט שטיינער; דאָס געזיכט פאַרבלוטיגט, די האָר צושויבערט.. דאָס טעאַטער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו טומלען און אַפּלאָדירען, דער געוועהנליכער אַקטיאָר האָט אומגעווייגליכעס באַוויזען. — צוין מען האָט אים דערפאַר מיט בלומען באַשאָטען.

אין דעם דאָזיגען אָווענד האָט ער שוין נישט פאַרבראַכט אין די אָרימע קוואַרטאַלען. אין אַ רייכען רעסטאָראַן איז ער געזעסען מיט זיינע קאָלעגען און געהוליעט, און ער האָט דער־צייהלט פאַר זיי, ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיין ערפאָלג.

— „עס זענען נאָך געבליבען עטליכע מינוט צו מײַן אַרויסטרעטן, דער גרימירער האָט געיאָגט און דאָ האָט ער באַמערקט, אַז עס פֿעלט אים רויטע פֿאַרב. מײַן פּנים האָט דאָך געמוזט זײַן פֿאַרבלוטיגט. עס בלײַבט נאָך איין מינוט צײַט. אויפֿ'ן סצענע שרײַט מען שוין: דאָס יאָגט מיר שוין דער המון, די אַקטיאָרען רופֿען מיך..

אין דער רגע האָב איך מיט די נעגעל זיך דאָס געזיכט פֿאַרבלוטיגט און אַרויסגעלאָפֿען אויף דער סצענע. די וואונדען האָבען מיר געגליט און געברענט.. צום ערשטען מאָל בין איך געשטאַנען אַנטקעגען די צושויער נישט מיט גרימירטע פֿאַלשע וואונדען, נאָר מיט אמת'ע און איר האָט געזען — איך האָב אַנדערש געשפּילט...“

אַ שמועס.

צוליב וואָס טהוסטו עס, פריַינד? נעכטען האָסטו אַרויפ־געקלעטערט אויף דעם ווילדען פעלז און אַראָבגעבראָכט אַ באַרג־ריז, דו האָסט דייַן לעבען געשטעלט אין קאָן צוליב אַ געווענ־ליכען בלום, אינטען וואַקסען אַ סך אַזעלכע בלומען.

— צוליב אַלעמען, איך מוז זיי מיט עפּעס איבערראַשען, איבערשטיַיגען.. די פּחדנים...

— אָבער צוליב וואָס?

— מיט מיַין דרייסטקיַיט הערש איך איבער זיי.

— זיַי פאָרזיכטיג פריַינד! דו האָסט אויסגעקליבען אַזא ווילדען פערד צום רייַטען, דו ווייסט דען נישט, אַז דעם פאָרי־גען רייַטער האָט דאָס פערד אַראָבגעוואָרפען און צושמעטערט?

— איך ווייס, אָבער זע, ס'אַרא אויגען זיי עפענען, ווי מקנא זיי זענען..

— און צוליב וואָס שטעלסטו דיַין גאַנצען פאַרמעגען אויף איין קאָרט? דו קאָנסט דאָך אַלץ פאַרשפּילען.

— אָבער איך קאָן דאָך אַלץ געווינען.

— עס טרעפט דאָך אַזוי זעלטען..

— אָבער עס טרעפט דאָך יאָ..

— דו לעבסט שטענדיג אין שרעקן

— אין שרעק ל בט דער וואס וואקעלט זיך, איך לאז פרײַ מײַנע געפילען, אזוי פרײַ, ווי אַט דעם ווילדען פערד, פלי אי בער בארג און טאל, איבער דערנער און בלומען... דו זעסט איך בין געקומען א גאנצער צוריק, א פריילינער...

— עס קאָן דאָך אמאל זיך ענדיגען...

— מיט'ן טויט?

— יאָ..

— דאן בין איך דאך אודאי פארזיכערט

— מיט וואָס?

— מיט איבעיגען כבוד: די פחדנים פארגעטערען די געפאלענע העלדען.

— אָבער זאָג נאר: פארגעטערט פון פחדנים... צי דען טרייסט דיר אזא פארגעטערונג? צי דען איז דיר קארג דײַן אינערליכע קראפט, דער געדאנק, אז דו שטייסט העכער פאר זײַ?

— זיי זענען בלינד, זיי זעהען נישט מײַן רײַכקײַט, איך מוז פאר זיי א בײַטש האָבען. איך שטעל מײַן לעבען אין קאָן און מיט דעם הערש איך.

— אָבער זייער אונטערטעניגקײַט.. צי דען טרײַסט עס דיר?

— פיעל מאל יאָ.. א מענשליכע שוואכקײַט. דאך אין געצײַלטע מינוטען פון נשטה-ערהויבונג, ווארף איך דאן זייער גאנצען רום צוריק אין טאל אראָב.

— און דאן?

— און דאן טראכטען זיי, אז דאס איז א נייע העלדישקייט און זיי קניען נאך מער פאר מיר.

וועמעס אויגען?

וועמעס זענען דאָס אַזעלכע אומעטיגע אויגען? מײַנע? דײַנע? אָדער דאָס קוקט אויף מיר דער צער פֿון דער וועלט?

אַמאָל טרעפֿט, אויף אַ לעדיגע שטעגעל, אין שאָטען, אין רוהיגקײַט.

שוועבען זיי פֿלוצלינג אַרויס פֿאַר מיר די אויגען, זיי קוקען אַרײַן טיף-טיף אין מײַן נשמה און פֿאַרשווינדען.

אין שפּיגעל, אין אָפּגלאַנץ פֿון וואַסער, אין אַ בעכער דורכזיכטיגען ווײַן... דאָ און דאָרט, אומגעריכט קומען זיי אָן.

וועמעס אויגען? אַ געשטאָרבענער טרוימער, צי אַ לעבעדיגער גייסט? ווער קוקט עס אויף מיר מיט אַזאַ יאוש?

אַז די וועלט איז שיין און דער, וואָס ליבט די שיינקײַט מוז לײַדען,

אַז די וועלט איז שלעכט און דער, וואָס זעט עס מוז טרויערן...

וועמעס אויגען? פֿאַר'ן שלאָף קומען זיי צו מיר און באַקלאָגען זיך: אומזיסט געווען דער טאָג, דער קאַמף, אַלץ געבליבען ווי געוועזען און מאָרגען וועט אויך דאָס זעלבע זיין...

נאָר מען מוז גלויבען און מען דאַרף שטרײַטען, אייביג אַזוי...

איך קאָן זיך פֿון זיי ניט באַהאַלטען, זיי קוקען מיר אין דער נשמה אַריין און איך קוק אין זייער נשמה אַרײַן... פֿרעמדע, נאָנטע, ס'קאָן זײַן מײַנע אייגענע אויגען...

ביים מאָלער.

דער מאלער האָט געבראַכט צו זיך אַ היים אַ בוקעט אַסטרעס. ער האָט זיי אַרײַנגעשטעלט אין אַ שיין קריגל און זיך געשטעלט צום מאָלבערעט מאָלען.

איז אין צימער צו-פיל ליכט געווען, האָט ער אַראָבגע-לאָזט די שטאָרען און די שאָטענס, וואָס זענען געפאַלען אויף די בלומען, האָבען זיי אומעטיג געמאַכט... דער מאָלער האָט זיך געפרייט: עס וועט זײַן אַ שיין בילד; זײַנע בלומען, וואָס ער מאָלט אויפ'ן לײַוענט, וועלען זײַן ווי לעבעדיגע... זיי וועלען דערציילען פון געפאַנגענע נשמות, וואָס רייסען זיך צום לעבען. און יעדער שטריך, וואָס דעם מאָלער האָט זיך איינגעגעבען, האָט אים גליקליך געמאַכט...

ווען דאָס בילד איז שוין פאַרטיג געווען, זענען פריינט צו אים געקומען און זיך געוואונדערט:

— פונקט ווי לעבעדיגע זעהען אויס די בלומען... לעבעדיגע.

אין די אמת'ע בלומען, וועלכע האָבען זיך האַלב-פאַר-טריקענטע אין אַ ווינקעל געוואַלגערט, האָבען זיך איינגעהערט, און געשמייכעלט האָבען זיי.

פונקט ווי לעבעדיגע... ניין! געלעבט האָבען מיר, מיר האָבען זיך צום הימעל געצויגען...

אין דער זון פאַרליבט.

ער איז געווען דער פריילעכסטער אין ענגען תּפיסה־קאַ-
מער. א געזונטער יונג מיט ברייטע פלייצעס, טעמפּ אביסעל דאָס
געזיכט, נאָר גוטמוטיג. א קינד פון די יודישע ערד־אַרבייטער
אין די דרום-קאָלאָניעס אין קאַמער האָט זיך זיין קול געהערט,
ווי א פרעהליכער שופר-שאַל, און דאָך זענען געווען מאָמענטען
ווען ער פלעגט שווייגעדיג און אומרוהיג ווערען; דער טרויער
פלייגט איהם באַפאַלן אין די טעג פון זון-שיין, אַנהויב פרילינג
ווען דאָס האַרץ און די נשמה גאַרען נאָך וואַרעמקייט מער ווי
אין ווינטער. אין די דאָזיגע טעג איז דער מענש געוואָרען בייז.
ער פלעגט דאַן פון דער פרי ביז ביינאַכט אַרומשפּאַצירען אי-
בער'ן צימער און שווייגען, אָדער ער פלעגט זיך אויסציען
אויף דעם פּאָל, אויף דעם זון-פּאַס, וואָס פלעגט זיך אריינגנב'ע-
נען דורך די גראַטעס און ווי א קאַץ פלעגט ער זיך וואַרעמען
און שפּילען מיט די שטראַלען און צו אונז פלעגט ער זיך ווענ-
דען און דערציילען: „ביי אונז אין כטעפּ...“ זיין קול פלעגט
נעמען ציטערען און דאָס גרויסע קינד וועט באַלד נישט אויס-
אויסאַלטען און אָנהויבען וויינען. „ביי אונז אין סטעפּ, וואו עס
ברענט די זון...“ מיר פלעגען אַלע דאַן געוואַלדיג בענקען נאָך
דער פרייהייט, נאָר דער קאָלאָניסט שפּרינגט אויף פון זיין אָרט

און הויבט אָן קלאַפּן אין-טיר און שרייַען, און שעלטען. . ביז די שומרים פלעגן אים אין קאַרצער אַוועקפירען... „דאָס וויל איך טאקי, אין קאַרצער איז פינסטער, די זון וועט מיך דאָרט נישט פאַרגיגען, דאָס וויל איך טאַקי״ אַזוי פלעגט ער שרייען און בייַ אונז אין קאַמער פלעג נאָך אייַנזאַמער ווערען, ווען ער פלעגט נישט זייַן.

אייביג ווייטער.

זײַן בליק איז שטענדיג געווענדעט צו דער צוקונפט: אין דריי חדשים אַרום וועט זיין פרילינג, וועט ער דאן נעמען זײַן לײַכטען טשעמאָדאַן און אַוועקפאָהרען ערגעץ אין א דאָרף, אָדער בײַם ברעג פון ים. דאָרטען וועט ער בעגעגענען נייע מענשען און געפינען נייע איבערלעבונגען. אָך, דער ווינטער וועט דאָך אײביג נישט דויערן, ווען נישט די האָפנונג אויפ'ן פרילינג... דעם קאָפּ וואָלט ער זיך צוקלאַפּט אָן דער וואַנט... אזוי שווער זענען אים די טעג אָן זון ליכט.

אזוי איז ווינטער.

זומער אין דאָרף פאַרפלאָנטערט ער זיך אין א געשיכטע מיט א פרוי. יעדעס יאָר פאַסירט עס. ער קלויבט זיך אויס איינע פון די שענסטע, ער דערגרייכט און דערנאָך... עס הויבען זיך אָן די צרות פון דער ליבע: אייפערזוכט, ספקות, שטראָף-רייד... ער טרוימט שוין דאַן פון ווינטער: א ווארעמער צימער, שיינע מעבעל, די גאַרדינען אראָפּגעלאָזען, דורך דער וואנט שפּילט ווער, קיינער וועט דאַן זיין רוה נישט צושטערען. א פריינד וועט אמאָל אַריינקומען, וועט ער פאַר אים דערציילען ווי דער זומער איז אַוועק און דערבײַ וועט ער זיין רוהיג — ווינטער איז מען רוהיג.

אַזוֹי אִיז זוּמער.

אִין דִי צַייט װעט אײַן גראָען האָר נאָכ'ן צװײטען, זי
דעט אוֹיספלעכטען אַ דִיקען שטרִיק פוּן דִי גראָע פעדִים, הענט
ער פִיס װעט זִי אִים בִינדען דעם אײַנזאַמען און דערנאָך אַ גע-
גוּנדענעם אִין קבר אַרײַנװאַרפען.

ווייסע בלומען.

ברייננ מיר ווייסע בלומען, — האָט זי צו אים געזאָגט,

— איך בין קראַנק פון בענקשאַפט צו דיר, איך זוך רו.

און ער ענטפערט מיט אַ אומרוהיגער שטים:

אויף מיינע וועגען וואַקסען נישט קיין ווייסע בלומען. אין מיין הארצען ברענט אַ פלאַם. רייס איך אַ בלימעל אָב, צינדט זיך עס באַלד אָן אין פורפור-פייער. נעם עס צו. ס'איז מיין מתנה פון הארצען..

נור די פרוי פאַלט צו זיינע קני:

— דו ביסט שטאַרקער, זיי גרויסמוטיג! דיר געהערט מיין ליבע און אַ צווייטען מיין שבועה. ליידען מוז איך... ברייננ ווייסע בלומען. זיי טרייסטען מיך.

און ער ענטפערט ווידער:

— מיינע רויטע בלומען מאַכען דרייסט דעם שרעקעדיגען, מיינע בלומען זענען מוחל אַלע שביעות... אַ גיהנם, וואָס ליי-טערט, אַ גן-עדן זענען מיינע בלומען. און ווי איז דעם וואָס רייסט זיי נישט אָב...

דאָך פאָלגט ער, דער שטאָלצער מאַן, ער געפינט פאַר איר די אידעלסטע ווייסע בלומען, ער זוכט זיי אויס פון צווי-שען די דערנער, ער רייסט זיי אין ווייטען פעלד, ווי נאָר די

נין גייט-אויף, כדי דער טאָג זאָל זיי נישט פֿאַרשטויבען. ליכטע, סאַמעט-ווייסע בלומען... דאָך ווי ער נעמט זיי אין זיין האַנט, ווערען זיי רויט.

זי וואַרט אויף אים אין איר ווייסען קלייד. ער קומט אַריין נידערגעשלאָגען:

— דו זעסט זיי זענען ווידער רויט געוואָרען, די ווייסע בלומען...

זי איז אָבער פֿריילעך.

— וואָס רעדסטו, ליבסטער? זיי זענען דאָך ווייס, ווייס ווי שניי, אַזעלכע האָב איך דאָך געוואָלט.

ער קוקט אויף איר צושראָקען און שטאַמעלט:

— ווייס זענען זיי? מיך פאַרבלענדען זיי מיט זייער פֿייערדיגער פֿאַרב און פֿאַר דיר זענען זיי ווייס... ניין, טרייע, דאָס איז דיין נשמה ווייס, די בלומען זענען רויט.

זי שמייכעלט פֿון פֿרייד און שעפּטשעט:

— איצט קוש מיך, ווי אַ ברודער זיין שוועסטער...

און זיינע זודיגע ליפּען פֿאַלען צו צו אירע. פּלוצלינג דערשרעקט זי זיך און שפּרינגט אָפּ פֿון אים. איצט ערשט באַמערקט זי, אַז די בלומען זענען טאַקע רויטע, בלוטיג-רויטע. זי רייסט זיי אַראָפּ פֿון זיך און שליידערט זיי אַוועק.

— איך בין קראַנק פֿון מיין בענקשאַפֿט צו דיר. ברענג מיר מיינע ווייסע בלומע... ווען וועסטו זיי שוין ברענגען?

— ווען די פֿלאַם, וואָס ברענט אין מיין האַרצען, וועט זיך אויסלעשען, דעמאָלט וועל איך דיר ברענגען ווייסע בלומען

אומעטיִגעס גליִק.

עס קוקט אויף מיִר דאָס גליִק מיִט פריינדליִכע בליִקען. עס ציִען זיִך צו מיִר צוויִי ווײַסע פרויען-הענט. פעסט נעמען זיי מיִר ארום, נאָר די ליפען מײַנע פרעגען:

— ווער ביִזטו! גליִק? און עס ענטפערט מיין יונגע כלה:

— דײַן געליִבטע, — איִך שפיל מיִט דײַנע בלומען און פארנעמען דײַן טרויער...

— מיִט מײַנע בלומען שפילסטו זיִך, נאָר מײַן טרויער איִז דיִר פרעמד, ווי מיִר איִז פרעמד דיין פרייליִכקײַט. אך! גליִק מיינס, ווי קאָן איִך זײַן זיִכער מיִט דיִר? עס קוקען און לויערען אויף דיִר פרעמדע דורשטיִגע אויגען, יעדע מיִנוט קאָן איִך דיִך פערליִרען. און ציִ דען האָב איִך דיִר דערגרייִכט? שטענדיִג דוכט זיִך מיִר, אז דו שטײיסט מיִט איין טריִט ווײַטער פון מיִר, ניִשט מער, ווי מיִט איין טריט...

פארוויִג מיִך, גליק! עס איִז פאראן, זאָגט מען, איִן מדבר אזא פויגעל, וועלכער פארוויִגט מיט זיינע פליִגעל דעם מענשן, ח״ס וואנדערט, און דערנאָך פיִקט ער אים אויס זיין הארץ... כארוויִג מיִך, גליק! איך וועל זיִך אויפכאפן און מיין הארץ וועט זיין פוסט...

דער גיהנם האָט טויזנד טיִרן און דער גן-עדן איין טיר.

האָ איז דער מזל'דיִגער, װאָס געפּינט די טיִר פון גן־עדן?..

עס פאַלן אױף מיִר דײנע קושן, װי קאַלטע טראָפּן װאַ־סער. דו שרעקסט זיִך שױן פאַר מיִר. דײנע ליִפּן זײנען קאַלט:..
אַהאַ! דו זעסט, װי גיִך די פרעמדקײט קומט? זי איז שמענדיִג מיִט אונז, אין אונז, זי באַגלײט אונז אומעטום. װאָס העלפן דײַ־נע טרערען? װאָס ביזטו שולדיִג?

עס קוקט אױף מיִר דאָס גליִק מיט פרײנדליִכע אױגן און פאַרשטײט נישט מײַן טרױער...

די פֿאַרלאָזענע.

אַ שטעטערלינג מיט פֿאַרביגע פֿליגעלאַך איז דאָס געווען, אַ זומער-פֿויגעלע אַ פּרייס, און אַלע האָבן איר פֿרייקייט גע-ליבט, אויסער די ביי וועמען דאָס האַרץ איז שוין פֿון לאַנג טוידט און פֿאַרשימלט. יונגע פֿרויען פֿלעגן פֿון איר אַ ביישפּיל אָראָפּ-נעמען און די מענער פֿלעגן איר נאָכגיין ווי קנעכט. זי האָט גע-האַט קאַפּריזן, זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט זיין אין שטייגל.

אין לערער האָט זי געהאַט: איר האַרץ. איין באַשיצער— איר שטאָלץ, איין רייכקייט—איר שיינקייט. האָט זי זיך אַזוי גע-לעבט אין שטורם, אין איר אַריסטאָקראַטישן קרייזל, וואו זי איז באַרימט געווען.

פּלוצלינג האָט זיך אויפ׳ן האָריזאָנט באַוויזן אַ נייע שענהייט, אַ יונגערע און אַ לוסטיגערע פֿרוי, איז איר שטערן בלייכער געוואָרן. זי האָט נאָך געהאַט גענוג ערפֿאָלג, זי איז אָבער ביז איצט געווען די ערשטע - די גליקליכע זיינען גוואַל-דיגע נישט פֿאַרגינערס, אינטערגעבן זיך האָט זי נישט געוואָלט, איז איר נשמה-גלייכגילטיג צעשטערט געוואָרן.

האָט זי געוואָלט מיט וועמען אַ פֿאַרבאַנד שליסן, זי האָט דערפֿילט אַז אויסער איר שטאָלץ באַדאַרף זי נאָך אַ

באַשיצער. איז זי צום ערשטען פון אירע שעצערס געקומען. דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַ פעסטען ווילען, זי איז געווען די איינציגע, וועלכע האָט אים באַזיגט: ער איז אַמאָל פאַר אירע קני געלעגען איז זי צו אים געקומען און געזאָגט:

— זיי מיין פריינד אויף אייביג, זיי מיין באַשיצער, געדיינקסט דו ביסט אַמאָל ביי מיינע פיס געלעגען, איך האָב דיך באַזיגט און דאָך בין איך צו דיר גרויס מוטיג געווען איך האָב דיר מיין ליבע געגעבען. דער מאַן האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט:

— יאָ דו האָסט מיך דאַן באַזיגט, נאָר אין דער זעלבער צייט ביזטו אויך באַזיגט געוואָרען, דו ביזט גרויסמוטיג געווען און דיין ליבע מיך געגעבען, אָבער אין דער זעלבער צייט האָסטו אויך מיין ליבע גענומען... דו ביזט דאָך דאַן אַזוי שיין געווען, אַזוי שטאָלץ. ניין, מאַן נישט ביי מיר, פאָדער נישט! עס פאַסט ניט פאַר דיר, דו צושטערסט מיט דעם די שיינע פאַרגאַנגענהייט, אַ שאָד! עס וועט דאָך ניט זיין וואָס צו דערמאָנען.

איז זי געקימען צו אַ צווייטען, וועלכער פלעגט זי מיט בלומען אומעטום באַשיטען: דאָס איז געווען אַ פּאָעט, צוליב איר האָט ער פיל סאָנעטען אָנגעשריבען, דורך איר איז ער באַרימט געוואָרען. זי האָט צו אים געזאָגט:

— זינגער, אָט שטיי איך ווידער פאַר דיר, איך האָב דיר פיל לייד געבראַכט פריער מיט מיין קאַלטקייט צו דיר, נאָר איצטער האָב איך דיר פאַרשטאַנען, דיינע לידער האָבען מיר די אויגען געעפענט.

דער פּאָעט האָט מיט אַ אומרוהיגען בליק געקוקט אויף

זײַן טיר, ווי ער וואָלט אויף עמיצען ווארטען.

— איצט איז שוין שפּעט, האָט ער געענטפֿערט.

— פֿאַרוואָס, צי דען האָב איך מיין שיינקייט פארלאָרען?

האָט ער זי געגעבען צו פֿאַרשטיין:

— אַ צווייטע פייניגט מיך איצט, זי איז אפשר נישט שענער פֿאַר דיר, נאָר מיינע יסורים זענען נאָך גרעסער, ווי דאַן ווען איך האָב דיר געליבט, דו זעסט איך בין שרעקליך אומרוהיג: איך וואַרט און איך ווייס נישט צי זי וועט היינט קומען.

און דער דריטער האָט זיך אויך נישט דערפרייט מיט איר קומען.

— יאָ, איך בין צוליב דיר אַמאָל אַנטלאָפֿען פֿון דאַנען, האָט ער געזאָגט — איך בין געלאָפֿען צום ים און איך האָב מיין בייַנקשאַפֿט נישט געקאָנט דערטרינקען. מיין ליבע? מיין פלאַם? דו ווייסט וואו איך האָב עס געלאָזען? אין די שיינקען, ביי די גאַסען-פרויען האָב איך עס פֿערשווענדעט. איצט גיב אַ קוק, ווי מאַט מיינע אויגען זענען, ווי הייזעריג מיין שטים איז... גיי אַוועק, איך האָב פֿאַרגעסען וואָס דאָס איז אַזוינס גאָט און איך וויל זיך נישט דערמאָנען.

שמעטערלינגען קענען נישט ליידען, זי האָט שוין געלעבט און שוין געוואָלט שטאַרבען. האָט זי אויסגעפּוצט אַ צימער אין די שענסטע בלומען, אָנגעטאָן די שענסטע קלייד און איינגעלאַדען די בעסטע פריינט, ווען די געסט זענען געקומען האָט זי פֿאַר זיי אַ ליד געזונגען, אַ ליד וואו עס דערציילט זיך, אַז אָן ליבע איז דאָס לעבען קיין לעבען נישט... דערנאָך איז זי בלייך

געוואָרען. ווײַל דער סם וואָס זי האָט פריער אײנגענומען האָט שטארקער גענומען ווירקען, דאָס ליד האָט זיך איבערגעריסען צוזאַמען מיט איר לעבען.

דער מענש און די מאָדע.

ערצויגען האָבען איִם צוויי פֿרויען: זיין מוטער און אַ גובערנאַנטין. טאָג און נאַכט האָבען זיי זיך פֿאַרנומען מיט זיינע גאָלדענע לאָקען, מיט זיינע קאָסטיומען און מיט... זייערע אייגענע טואַלעטען. דאָס איינגעל איז געוואַקסען ביים שפּיגעל, אין אַ ספערע וואו דער גרעסטער אומגליק איז געווען, ווען אַ קלייד איז צו דער צייט נישט פֿאַרטיג געווען, אָדער ווען אַ שלעכט וועטער האָט צושטערט אַ שפּאַציר, זיינע ערשטע איינדריקען האָט ער געפֿונען אין מאָדע-זשורנאַלען. אין דער שולע לערנען איז ער נאָר געגאַנגען צוליב דער שילער-אוניפֿאָרם, נור אַזוי ווי דער שילער-קאָסטיום איז צו איינאַרטיג, האָט ער גיך געוואָרפֿען דאָס לערנען און געוואָרען אַנ'עכטער פֿראַנט.

דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַ געוואַלדיגער ליידענשאַפֿט צו דער מאָדע, פֿאַרשפּעטיגען, טראָגען אַ מאַנטעל דאַן ווען אין שטאָט האָט זיך שוין באַוויזען אַ נייער פֿאַסאָן — אַזאַ חרפּה וואָלט ער נישט איבערגעלעבט. ער וואָלט זיך בעסער פֿאַרטשליעןען אין אַ תפיסה. פֿון קאָפּ ביז די פיס איז ער געווען בעוואָפֿנעט אין דער מאָדע. יעדעס שפּילקעלע, יעדעס קנעפּעל האָט געשריגען „איך בין נאָר יועס געבאָרען געוואָרען". אַלץ איז געווען צוגעפּאַסט צום נייעם סטיל, מאָדערניזירט. די וויכ-

טיגסטע נייעס איז בײַ אים געווען: „אין פּאַריז טראָגט מען איצט אַזאַ און אַזאַ פֿאַסאָן". אַ מענש וואָס גיט נישט אַכטונג אויף דער מאָדע איז בײַ אים קיין מענש נישט געווען.

אין דער מאָדע זענען אַרײַן גאָלדענע צײַן, האָט ער פֿון דעם שטאַרק געליטען, ווײַל ער האָט געהאַט געזונטע צײַן. און צום סוף האָט מען אים דערזען מיט אַ גאָלדענעם צאָן, צוליב וועלכען ער האָט זיך אַ געזונטען געלאָזען אַרויסנעמען.

און דעם זעלבען מענשען האָט מען איינמאָל געפֿונען בײַ זיך אין דערהיים אַ טויטען מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען די סבה צוליב וואָס ער האָט זיך דאָס לעבען גענומען. איינע האָבען געזאָגט אַז צוליב ליבע, די צווייטע האָבען געזאָגט: צוליב געלט, און נאָך איינער האָט זיך אָנגערופֿען:

— ס'איז דאָך איצט אין דער מאָדע זעלבסטמאָרד און אונזער פֿרײַנד, אויב איר ווייסט, איז דאָך דער מערטירער פֿון דער מאָדע מען האָט אים כמעט חי געגלויבט.

דִי וועלט אִיז אַ ים.

דִי וועלט אִיז אַ ים און מִיר אײַנזאַמע שטײען בײַם ברעג און מיר וואַרטען. יעדער מענש מִיט אַ ווענטקע אין דער האַנט און מִיט אַ האָפנונג אין האַרצען: מִיר וואַרטען אויף דער גאָלדענער פִישעלע.

יאָרען פאַרגײען, יאָרען קימען אָן, דער ים רוישט, דער ים שווײַגט און מִיר שטײען און מִיר וואַרטען. אונזער גליק און האָפנונג באַווײַזט זיך נִישט און מִיר זענען נישט דרײסט זיך צו וואַרפען צום אָפּגרונד. פון קִינדווײַז אָן בִיז דער גראָער עלטער חלומ'ען מִיר פון דעם גאָלדענעם פִישעלע און וואו אִיז דער גלִיקליכער?

אִין אַ שטורם־טאָג הויבען זיך אויף די פאַליעס פון ים. שרעקלִיכע כשופ־מאַכערינס מִיט לאַנגע גראָע צעפּ, זײ רײַצען זיך מִיט אונז, זײ פאַרצײלען אונז פון אָפּגרונט־קעניגרײַך וואו דאָס גאָלדען פִישעלע לעבט, נור מִיר שרעקען זיך פאַר דעם אָפּגרונד, מִיר באַנוגענען זיך מִיט'ן חלום.

דִי וועלט אִיז אַ וואַלד. אַ פאַרוואַקסענער אוראַלטער וואַלד, און מִיר אײַנזאַמע בלאָנזשען צווישען די געדיכטע צווײַגען און בוימער, יעדער מענש מִיט אַ שטײַגעל אִין דער האַנט, מִיט אַ האָפנונג אִין האַרצען: מִיר זוכען דעם בלאָען פויגעל.

בלעטער גריִנען, בלעטער פֿאַלען. דער װאַלד זינגט דער װאַלד
שװײַגט. מיר בלאָנזשען און מיר זוכען. אונזער גליק און
האָפנונג טאַנצט און שפּרינגט פֿון צװײַג אויף צװײַג און רײצט
זיך מיט אונז. אך, אונזערע הענט זענען קירץ און פֿליהען קע-
גען מיר נישט. דער בלאָש פֿויגעל זינגט אזוי שײן, נור א בנז
איז װײניג זיין געזאַנג פֿון דער װײַטען, יעדערער פון אונז װיל
אים רופען צו זיך אין זײַן שטײגעל. װאָס שטאַרקער מיר פֿאַר-
לאַנגען אים, אלץ העכער הויבט ער זיך אויף דער פֿויגעל.
מיר באַגעגענען זיך צום סוף מיט... אונזער חלום.

צו דער וואָכענדיגקייט.

עפּען אויף דיינע טויערן — איך גיי צו דיר. איך פּלעג ביז איצט פון דיר אַנטלויפען. איך האָב געוואָלט פאַר זיך יעדען טאָג אַ ניַיעס יום טוב געפינען. זאָל זיין אַ קליין שטיקעלע בלאָער הימעל, זאָל זיין אַ פריילעך ליד, אַ קלאַנג אַ מוטיגער — אַבי נישט אַרומקריכען מיט אַלעמען צוגלייך אַרום דער גראָער וואַנט פון לעבען. איך האָב זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען, איך האָב געמיינט, עס וועט העלפען, ווען איך וועל נעמען אַ פענזעל און פאַרבען מיט מיין בלוט די גרויע וואַנט פון לעבען.

איך האָב זיך געוואָלט ראַטעווען פון דיר, נאָר דו יאָגסט מיך נאָך...

איצט קום איך אַליין צו דיר: עפען דיינע טויערן. איך בין קראַנק פון אומרוהיגקייט.

איך וועל גיין אין דיינע שיינקען און זיך פאַר׳שכור׳ן מיט דיינע ביליגע חיינען.

און אפשר וועל איך ביי זיי סוף כל סוף געפינען די לאַנג-געזוכטע רו...

און אפשר וועט אין מיין האַרץ אַ נייער שטורם אויפ־בליהען אין דיין אָפּגרונט. דאַן וועל איך, ווי אַ באַפרייטער אָד-

שמעטערלינג אין שטאָט.

מעשה׳לאַך ווילסטו, און אויב איך וועל דיר ניט דער־
ציילן וועסטו ווערן ברוגז און דײַנע גרויסע נאַאיווע אויגען
וועלן ניט קוקן אויף מיר, ניין! איך וויל די זון זאָל שטענ־
דיג לויכטען.

הער אויס! ס׳איז אָנהויב פרילינג געווען. ערגעץ אין
אַ וואַלד אונטער׳ן שטאָט זענען שמעטערלינגען געבוירען געוואָ־
רען, יעדער פון זיי האָט אַ באַזונדער קאָליר געהאַט און יעדער
פון זיי האָט געמעגט פליען וואו ער וויל און ווען ער וויל. זיי
איז ענג געוואָרען זייער היים אויף דעם צווייגעל פון בוים, האָ־
בען זיי גענומען שוועבען אונטער׳ן פרייען הימעל. איינער איז
אַוועק געפלויגען צום וואַסער און זיך פאַרליבט אין דער וואַסער־
ליליע. דער צווייטער האָט זיך פאַרליבט אין בלאָען קאָרן-בלום.
דער דריטער האָט געפונען אַ ווילדע פעלד-רויז און האָט פו
איר פאַרטריבען די האָניג-בין און אָט אַזוי האָבען אַלע שמעט־
טערלינגען דעם פרילינג געפייערט. דאָך איינער דער שענסטער
שמעטערלינג מיט די וואונדערבאַרסטע פליגלאַך — אים האָט זיך
פאַרוואָלט זיין קליגער פאַר זיינע ברידער איז ער אין שטאָט
אַוועקגעפלויגען. מענשען האָבען אים דערזען און זיך פאַרוואונ־

לער, צושפרייטען די פליגעל און זיך אויפהייבען הויך..
נאר איצט בין איך מיד און קראנק פון בייגקשאפט...
איך גיי צו דיר, דו וועסט מיין לעבעדיגער קבר זיין...
לאיך חעל רוען...

דערמ: זײַער גרויסע גאַס האָט בלויז אײן גרויע פאַרב און אַזאַ קלײנער שמעטערלינג טראָגט אויף זײַנע פליגעלאַך אַ גאַנצן רעגן־בויגן, אַזוי פיל קאָלירן.

— זײ האָבן אים אודאי צוטראָטן פון קנאה?

— נײן, ליבסטע! אויף דעם האָבן זײ קײן צײט ניט געהאַט די מענשן און דער שמעטערלינג איז דערצו נאָך גוט פלינק געווען: דאָך וואָס ווײַטער ער איז געפלויגן, אַלץ מידער איז ער געוואָרן, ענדליך איז ער צוגעפאַלן צום בריק און אַביסעל זיך אָפגערוהט אויף די שאַרע שטײנער. שפּעטער האָט ער זיך געשטעלט אויף אַ קאַרניז פון אַ פאַרשטויבטעס הויז אוןווידער אויפ׳ן בריק, ביז די מענשן האָבן אים פאַרלאָרן פון די אויגען.

— וואָס? ער איז אויסגעגאַנגען פון עלענט?

— נײן, ליבסטע! דער שטויב פון שטאָט איז געפאַלען אויף זײַנע פליגעלאַך ער האָט באַקומען דעם זעלבן גרויען קאָליר פון דער גאַס, דעריבער האָבן די מענשן אים שוין מער ניט געזען...

דער נביא.

דער נביא האָט געשטראָפט דאָס זינדיגע פאָלק. זײַנע ווערטער זענען געווען ווי פײַלען, וואָס פלעגען טרעפען אין די זינדיגע הערצער, און מענשען האָבען די אויגען אַראָבגעלאָזען, זיי האָבען זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, ווען דער נביא האָט אויפגעדעקט זייערע זינד. אַנדערע האָבען שטילערהייד תפילה געטאָן, אַנדערע האָבען געוויינט פאַר שרעק — ווייל פחדנים זענען די, בײַ וועמען דאָס געוויסען איז נישט ריין. און דער נביא האָט אַלץ העכער אויפגעהויבען זײַן קול, זײַנע אויגען האָבען געלויכטען מיט מער באַגײַסטערונג, ווען ער האָט דערזען, ווי דאָס פאָלק איז נידערגעשלאָגען; דאָס פאָלק וויל תשובה טאָן. און עס האָט טאַקי אויסגעזען, אַז פון הײַנט אָן וועט די זינד פון דר׳ערד פאַרשווינדען...

שטום מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ זענען געשטאַנען די זינדיגע; פלוצלינג האָט זיך געפונען אַ דרייסטער צווישען זיי, וועלכער האָט הויך אויפגעהויבען זײַן קאָפּ און איבער אַלעמען אַ געשריי געטהון צום נביא:

— און דו, נביא! דו ביזט בעסער? דו זינדיגסט נישט?

אַ טומעל איז געוואָרען צווישען די מענשען. איינער האָט

אויפ'ן צווייטען א קוק געגעבען, זיי האבען גאר אפגעלעבט אין דער רגע, און צום נביא האט יעדערער געשריען:

— און דו נביא? דו ביזט בעסער? דו זינדיגסט נישט?

אלד דרייסטער, אלץ חוצפה'דיגער זענען די קולות געווא-רען.

דער נביא האט געשוויגען. עס האט א ווילע אויסגעדיכט, אז ער האט זיך פארלארען, גאר ווען עס איז שטילער געווארען, האט ער אנגעהויבען צו ריידען:

— איר זענט גערעכט, איך בין אויך זינדיג, גאר דער-פאר טראג איך שוין לאנג דעם גיהנם אין זיך...

אז אויף אייך, אויף אייך הארט גאך דער גיהנם!...

דערנאך איז דער נביא אוועק אין מדבר...

אין דער הויך.

ער האָט בעקומען אַ גרויסע ירושה — אַ סומע וואָס איז גענוג צו פערזוכען אַ ביסעל פאַרגעניגען פון אונזער זינדיגער וועלט, איז ער אַוועקגעפאָרען רייזען, זען, פילען און לעבען. אומעטום האָט ער געזוען בליענדע גערטנער, אַלטע בית-עולם׳ס, און נייע מצבות. „די וועלט איז אַ גרויסער מוזעאום" האָט ער געזאָגט „מען מוז אַלץ אָנקוקען" דערנאָך ווען ער האָט געענדיגט די וועלט-רייזע. איז ער געבליבען אַזוי ווי פאַר׳יתומ׳ט. „וואָס ווייטער?" ער האָט נישט אָנגעהערט צו די, וואָס אַרבייטען פאַר דער געזעלשאַפט, כלל-זאַכען האָבען אים נישט אינטערעסירט. אַ קורצע צייט איז ער געווען פאַרצווייפעלט, שפּעטער איז ער צופעליג אַריינגעפאַלען אין אַ שיין-מאָלערישע שטעדטעל, וועלכע האָט געהאַט ביי דער מזרח-זייט אַ הויכען באַרג, דער באַרג האָט פאַרשטעלט פאַר דעם שטעדטעל דעם זון-אויפגאַנג. אים איז זעהר געפעלען געוואָרען דער פּלאַץ, האָט ער דאָרט געקויפט אַ שטיק ערד אויפ׳ן באַרג, אויסגעבויט אַ קליינעם שלאָס און געלעבט, ווי אַ רוהיגער פילאָסאָף. ער האָט געוואוסט, אַז אין אַ שיינעם טאָג אָדער נאַכט וועלען זיי קומען די פון טאָל און אים אַראָב-טראָגען צו זייער געמיינזאַמען בית-עולם, דעמאָלט וועט ער שוין

זיין צוזאמען, דערווייל האט ער געלעבט באזונדער און געווען רוהיג.

ער פלעגט טראגבגיין אמאל אונטען, אריינקוקען אין די שיינקען, געוועלבען און אויסהערען וואס מענשען ריידען, ווי מענשען לעבען, איינער דעם צווייטען וואלט דא איינגעשלונגען אומעטים קריגערייען; דער האט ביי יענעם צוגענומען א שטיקעל ערד, יענער ביים צווייטען זיין געליבטע. אומעטום האס, קללות און טרערען. א שרעק פלעגט אים באפאלען... העלפען? ער האט נישט געגלויבט, אז מען קאן אלעמען העלפען, איין ליידענדער וועט שטענדיג זיין, און דאס ליידען פון איינעם וועט אים אויך אזוי פיעל שרעקען...

עט! די זון לייכט פאר אים, דער וואלד אויפ'ן בארג צעוואקסט זיך אלץ מער, ער גייט צוריק ארויף אויפ'ן בארג, און ווען ער קומט אויפ'ן סאמע שכיץ, וואו עס שטייט זיין איינזאמער שלאס, ווען ערווארפט זראפ א בליק אונטען, ווערט אים דעמאלט פריילין: די הייזער זעהען אויס ווי קארטען-שטיבלעך מיט וועלכע קינדער שפילען זיך. די אלע סעדער און גערטנער גיסען אויף אין איין גרויסען גארטען, קיין צוימען זעט מען נישט. ער זעט א שיינע וועלט, וואס גרינט און בליט און ער שמייכעלט דאן פון פרייד און ער פארשטעהט יאן, אז נישט אומזיסט לעבט גאט אויפ'ן הימעל —

פון דארטען, מוז די וועלט גאך שענער אויסזען!

אַנ׳אַדלער אין צירק.

אין מיין קינדהייט האָט עס אויף מיר געמאכט אַ רושם. אין צירק, דאָרט וואו די פֿערד שטייען, דאָרט, וואו קלאָא־נעס שמ רען זיך אָן מיט מעל דאָס פּנים, צווישען שטייגען פון פאַר־שידענע חיות האָב איך צום ערשטען מאָל אַנ׳אָדלער געזען...

איך וואָלט פאַרביי געגאַנגען און אים נישט באַמערקט, נאָר אָט האָב איך דערהערט אַנ׳אויסגעשריי: „זעט, אַנ׳אָדלער״.

בין איך צוגעגאַנגען נענטער און זיך צוגעקוקט, די שטייג זיינע איז געווען שאַר, דאָס לעבען אַרום שאַר און אַ־יין האָט ער געהאַט אַ טויטען אַש קאָליר. וואו איז דאָ דער אָדלער? איך האָב געזוכט מיט די אויגען...

אין צירק־שטאַל איז טונקעל געווען...

פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ פּאָר אויגען מיט אַ גרויסע שנאָבעל און איך ווייס נישט, וואָס האָט מער געשטאָכען מיין בליק: די אויגען צו דער ווילדער האלב אויסגעקרימטער שנאָ־בעל. עס האָט געשראָקען אַ בייזע פאַרטרויערקייט.

איינער פון די צירק־באַדינער האָט אינז ערקלערט:

— דאָס איז אַ נוצלאָזער פויגעל, אַנ׳אימזיסטער פרעס־סער. הינט טאַנצען, בעז אונז, פערד טאַנצען, דער פאָפוגאַן

פלאַפּעלט און די באַשעפעניש טוינ אויף גאָר נישט, וויל גאָר נישט טון.

— „ער וויל פליהען" האָט זיך ווער אָנגערופן, איז געוואָרען אַ געלעכטער ארום, דערוויל האָט גענומען קלינגען און עס איז געוואָרען אַ געלויף פון די באַדינער, פון די פאַר-שפּעטיגטע ציִרק-באַזוכער.

בין איך ווידער געזעסען און געקוקט, ווי די פערד טאַנצען, ווי אַן אָנגעפּאַרבטער מענש, מיט געלע האָר שטעקט אַלעמען אַרויס אַ צונג, דער עולם לאַכט, נאָר פון מיין בליק איז נישט אָפּגעטראָטען דער אָדלער. דער גאַנצער ציִרק האָט ביי מיר אַ נייַ געשטאַלט באַקומען...

און אויך שפּעטער אין וואָכען אַרום, ווען איך פלעג פאַרביי גיין דעם ציִרק, פלעגט עפּעס אין מיר אַ ציטער טאָן.

דאָרטען... צווישען די פערד... אין שאַרען קאָרידאָר פון ציִרק, ליגט אין אַ שטייג אַ בייזער אָדלער טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג חלומ'ט זיך אים אַ ווילדער פעלז, ערגעץ הויך-הויך, אין די וואָלקענס אַריין...

„ער וויל פליהען".

און דעם קלאַנגס געלעכטער קלינגט אין די אויערן און פאַרטויבט יעדען געדאַנק. פון די קינדער-טעג ביז די ערשטע גרויע האָר... עס געדיינקט זיך.

די אייביגע צוויי.

אין איינזאַמע שעהן קומט זי צו מיר די ערשטע. איך רוף זי קיינמאָל נישט, זי קומט אַליין, זי ווייסט שוין, ווי צו־צוטרעטן צו מיר, זי ווייסט ווען איך בין בייז און ווען איך בין געדולדיג. כאָטש זי איז אַזוי געטריי און איבערגעגעבען איז פאַראַן אין איר אַ ביסעל פאַלשקייט פון אַ קאַץ, וואָס גנבעט זיך צו...

— טייערער ווי קומט צו דיר די גרויע האָר? ביזט דאָך נאָך אַזוי יונג... און זי איז גרייט צו ליידען אָט פאַר די גרויע האָר, וואָס זי האָט די ערשטע באַמערקט אויף מיין קאָפּ.

זי ווייסט ווען צו שווייגען. זי אַליין אַ פרוי מיט קאָפּ־ריזען, האָט זיך אויסגעלערענט זיין אונטערטעניג דעם צווייטען, האָט זיך צוגעפּאַסט צו מיין אומרוהיגקייט, ווי די מיל־פליגעל צום ווינט... אין אָפּטמאָל געלינגט איר, מיר צו באַרוהיגען.

אָבער ס'איז בלויז אַ צייטווייליגער שלום. איך אַנטלויף פון איר.

וואָס מער געטריישאַפט זי ווייזט מיר אַרויס אַלץ פרעמ־דער איז זי מיר, איך אַנטלויף צו דער צווייטער.

יענע איז מיר נאָענט און הייס, איך קאָן קיינמאָל נישט

דערגיין ווער זי איז. מיט די אויגען רופט זי. מיט די ליפּען שטויסט זי אָפּ, זי רייסט אָבער נישט איבער אינגאַנצען די פ דים, וואָס פאַרבינדען אונז. אפשר דערפאַר, ווייל זי באַדאַרף האָבּען קנעכט אַרום זיך, זי פאָדערט אָפּט קרבנות און ווען די ברייגגסט זיי איר, לאַכט זי דיר דערנאָך אויס.

און דאָך בין איר אַלץ מוחל פאַר איין גוט וואָרט, אַזאַ קראַפט, האָט זי, די שלעכטע. איך פאַרגעס אַלע מיינע זאָרגען און ליידען, ווען זי איז פאַרטרויערט, איר ליידען ווערט מיין לייד

אירער אַ שמייכעל איז די גרעסטע מתנה פאַר מיר, ווייל עס זאָגט אַזוי פיל צו, ווייל עס רייצט דעם געדאַנק, ווי אַ פרילינג-טאָג, נאָר ווילענדיג, ציַ נישט ווילענדיג טוט זי מיר אָן יסורים און קיינמאָל באַטראַכט זי זיך נישט, אַז אימיצען קען וויי טאָן.

איך אַנטלויף מיט מיינע וואונדען און באַהאַלט זיך פון אַלעמען. קומט זי ווידער, די ערשטע, די גוטע, און רעדט מיט געטריישאַפט.

— זי האָט דיך שוין באַליידיגט, דיין שלעכטע געליבטע!— און זי פרעגט אויס ביי מיר, ווי אַ גוטע מאַמע, אַלע מיינע יסורים, זי איז אַזוי גוט, אַז זי שטראָפט אַפילו נישט יענע, וועלכע פאַרטרויערט אונז ביידען.

עס פאַרגאַרט מיר איר געטריישאַפט און איך נעם טראַכטען, אַז מיר איז גוט. מיר איז גוט מיט אַזאַ איבערגעגע- בענעם פריינד

עפענט זיך די טיר און די שלעכטע איז ווידער דאָ. זי

חיל מיר עפעס פרעגען, זי איז צופעליג פארבייגעגאנגען, פאר־בלענדט פון אירע אויגען, פארליר איך גלייך מיין רוהיגקייט און איך גיי איר נאך.

און זי איילט זיך אלץ ווייטער, זי באמערקט מיר שוין נישט, זי האט מיר בלויז געוואלט ארויסנארען פון מיין חארים ווינקעלע.

אט אזוי דרייט זיך ארום מיר דער קאראהאד פון די צוויי... איך טאנץ אין מיטען און האב קיינמאל נישט קיין רו

ערינערונגען.

זי לעבט אויף דער וועלט א זאָרגלאָזע, א פריילעכע. ז איז שיין, און יונג. יאָרען נייען, זי ווערט רייפּער, באַגעגענט מענער, וועלכע פאַרליבען זיך אין איר, זי שיינקט וועמען א שמייכעל, א גוט וואָרט, א בליק. און מענשען בענקען אַרום איר׳ זיי זוכען איר געזעלשאַפט, זיי שיקען איר אומרוהיגע בליקען פול מיט טרויער, פול מיט פאַרלאַנג.

ווען זייערע ליפּען פאַרמאָגען נישט די פּאַסיגע ווערטער שיקען זיי איר בלומען.

און בלומען האָט זי ליב. פאָרענדיג אויף א שיפעל האָט זי איינמאָל אין ים אראָפּגעלאָזען א בליטעל, — איר באַגלייטער האָט געמוזט דאָס לעבען איינשטעלען און איר צוריק דעם בלימען ברייגען.

זי פאַרגעסט אירע ערשטע פריינד, נאָר זייערע בלומען היט ז און באַהאַלט. דאָס מיידעל האָט פולע קעסטלאַך מיט בלומען אין בריף, קאָנווערטען, אין ביכער אויטעטום פאַרוויאַנעטע בלומען. זי פרעסט זיי און גלעט זיי.

וויל זי זיך דערמאָנען דעם פאָריגען זומער, וועלכען זי האָט פאַרבראַכט אין איטאַליען, אָדער דעם פאַר צוויי יאָריגען

ווינטער ביַיט זי האָט געריַיזט איבער מצרים. זוכט זי די ביכער וועלכע זי האָט דאַמאָלס געלייענט, צווישן יעדע פּאָר בלעטלעך געפינט זי אַ בלום, אַ זכרון.

„ווי ער איז דאָס דאַמאָלס געשטאַנען ביַים האַפן, דער שיינער איטאַליענער... אַזוי פאַרטרוימט, אַזוי בייז אויף דער גאַנצער וועלט, זי איז שוין געווען אויפ׳ן שיף. איז ער אויף עטליכע מינוט פאַרשוואונדען געוואָרען און צוריקגעקומען מיט צווייי רויזען. ער האָט געזאָגט, אַז גליקליך דאַרף זיין די לאַנד פון וואַנען זי איז געקומען — ווי אַזוי קען זי פאַרגעסען זיינע בלומען? זי געפינט זיי און קושט זיי.

אַזוי בענקט זי נאָך יעדערן, וואָס זי שטויסט אָפּ, זיי ווערן פאַרשוואונדען אין דער וועלט, נאָר ביי איר בלייבט אַנ׳ערינערונג.

אַמאָל טראַכט זי, אַז ווען די אַלע בלומען זאָלען מיט אַמאָל אָנהויבען צוריק בליצען, וואָלט ביי איר אין חדר דער שענסטער גאָרטען געווען... און אין הארצען?

זי לעבט נאָך און בליט... זי האָט אָבער שוין באַלד קיין צוקונפט נישט, מיט דער פאַרגאַנגענהייט וויל זי זיך נישט שיידען.

עס קומען צו אַלץ נייע פאַרוויאַנקטע בלומען.

דער בעזעם.

אין שטאָדט פֿאַרנאַכט, קאָלירטע שטויב און קרייַנקליכע ליכט פֿון עלעקטרישע לאָמפּען. די זשאַלוזען די אייזערנע פֿאַלען אַראָב מיט אַ געראַוש, אויס האַנדעל, פֿון די פֿאַבריקען איילען די אַרבייטער, בלויז די צייטונגס-פֿאַרקויפֿער, שרייען, יונגלעך מיט פּאַפּיראָסען לויפֿען נאָך, יונגלעך מיט שוועבעלעך,

אויטאָמאָבילען ברומען און פּיפּען יעדער אויף אַנ'אַנדער לשון. די קינאָ-טויערן זענען העל בעלויכטען.

די נעמען פֿון די ;ראַמעס שרייען ווייט צו אַלעמענס אויגען.

ווילסט צי דו ווילסט נישט — מוזט עס לייענען אַזוי, ווי דו מוזט אויסהערען דעם גאַנצען-רויש פֿון שטאָדט און גאַסן

אין אַ'אַ רגע איז אומעטיג צו דערמאָנען, אַז ערגיץ שטייען הויכע וועלדער, אַז ערגיץ וויזען זיך שוין די זאַנגע און וואַסערען רוישען.

סענטימענטען — דערמאָן עס נישט!

אויף די ראָגעס פֿון די גאַסען האַנדעלט מען מיט בלו=מען, עס איז די צייט פֿון מעז, גרויטע בערג מיט דופּטיגע צווייגען זענען צונויפֿגעשטיקט ווי געפֿאַנגענע פֿויגלעך אין די קוישען.

פֿאַר עטליכע פּאַפּירלאַך קויפּסטו איין אַ גאַנצען הויפען...
שמעק און אָטעם איין דעם ריח...
אָט דער יונגער דופֿט איז אַלט, ווי די וועלט...
נאָר קיין סך פֿאַרלאַנג נישט פֿון בלימעל, פֿאַר וועלכען
דו האָסט באַצאָהלט, עס וועט לאַנג נישט לעבען.
און זאָל עס דיך קיין סך נישט דערמאָנען.
סענטימענטן...
די שטאָדטישער מענש, האָסט שוין לאַנג זיך פֿון דעם
אויסגעלאַכט...
נאָך אַ דור, וועסט זיך אַזוי צוגעוועהנען צום ריח פֿון
בענזין, אַז דאָס וועט דיין אָטעם ווערען, דיין לעבען...
און בעת די יונגע מיידלעך באַקומען בלומען, בעת די
יונגע לייטלעך קאַרגען נישט קיין געלד אויף בלומען פֿאַר די
שלאַנקע פֿריילינס, וועלכע שוועבען אין די דורכזיכטיגע קלייד-
לעך אויף די גאַסען...
דוכט זיך דעמאָלט, אַז עמיץ לאַכט פֿון אַלטען מנהג:
שיינקען בלומען.
נאָר די נאַטור גיט אַזוי פֿיל, זי וואַרפֿט אַרויס אַזוי פֿיל
בעז, אַזוי פֿיל לאַנדיש, אַזוי פֿיל רויזען, איריסען נעגעלעך...
איבער די קעפּ פֿון די מענשען, אונטער די פֿיס פֿון די
מענשען...
זיי לאָזען די גאַס נישט דורך, די בלומען-פֿאַרקויפֿערינס.
זיי פֿאַרצוימען דעם וועג.
דאַכט זיך, אַז איינער לאַכט און בייזערט זיך פֿון דעם·

איך בין אין אַ פֿול אָנגעפּאַקטען טראַמוואַי. איינער טרעט מיר אויף די פֿיס, באַפֿריי איך זיך, צוטרעט איך דאַן אַ צווייטען די פֿיס.

איך זידעל זיך, מען זידעלט מיך.

און דער טראַמוואַי לויפֿט און בייט די גאַסען, יעדע גאַס האָט אַנ'אַנדער געשטאַלט...

איצט, ווען די קראָמען זענען פֿאַרשלאָסען ווען די טעאַטערס זענען פֿול און די קינאָס נעמען אריין און וואַרפֿען אַרויס גאַנצע שטראָמען פֿאַרשוויצטע מענשען.

דאָס זענען נישט אַמאָליגע רוימער, וועלכע האָבען געוואָלט —

ברויט און צירק,

דאָס זענען מענשען מיט אַ דערשטיקטען געגעץ אויף די ליפּען, בעת זיי קוקען אויפֿ'ן ליינוואַנט, חלומ'ען זיי שוין פֿון געלעגער.

מידע מענשען...

מיד פֿון בוכהאַלטעריע, פֿון דער בערזע, מיד פֿון די ענגע גאַסען, פֿון דעם בענזין מיט אַ נישט געשמאַקען סאַכאַרין־געשמאַק אויף דער צונג.

דער טראַמוואַי איז פֿול, ווי אַ שיפֿעל וועלכע איז איינע געבליבען פֿון אַ צישעדיגטען שיף.

דאַכט זיך, אַלע ראַטעווען זיך, אַנטלויפֿען פֿון אַ מגפֿה.

סטעלט זיך אָב דער טראַמוואַי און עס שטיקען זיך אריין נייע פּאַסאַזשירען.

אײַנער אויפ׳ן צװײטען שטיקען און דריקען זיך.

צװישען די נײַע אָנגעקימענע איז אײנע אַנ׳אַלטע גריצטע מיט אויסגעלאָשענע אויגען, מיט אַ צעקנײטשטען פּנים.

אַלײן אַ ז זי קלײן און דאַר, נאָר אין האַנט האַלט זי אַ גרויסען בוקעט בעז; גרעבער װי זי אַלײן.

עס פֿאַרשמעקט דעם גאַנצען װאַגאָן, עס דערפֿרישט אויף אַ רגע. .

און דאָך בײזערן זיך עטליכע. די אַלטע האָט מיט די בלומען עמיצען דעם פּנים צודראַפּעט, בײזערט ער זיך:

— בלומען האָט זיך איר פֿאַרװאָלט...

און אַ צװײטער העלפֿט צו.

— זי מײנט, אַז זי איז ערשט אַלט אַכטצען יאָהר.

הערי, אַלטיטשקי, װאָס קריכסטו מיר מיט׳ן בעזעם אין די אויגען?

— מאַקע אַ בעזעם! באַמקעט צו אַ סאָלדאַט און אין װאַגאָן װערט פֿרײליך. מען לאַכט... מען מאַכט חוזק.

איך?

איך דערמאָן זיך, אַז אַמאָל איז געװען אַ גרינער גאָט און אַז ער פֿלעגט שפּילען אויף זײַן פֿלײט, פֿלעגט די ערד אַלע פֿאַרבען, אַלע קאָלירען געבוירען.

די אַלטיטשקע מיט׳ן גרויסען בוקעט בעז שטײט אַ דער־שראָקענע, אַ בלײכע, זי װאָלט שוין װעלען דעם װאַגאָן פֿאַרלאָזען...

זי װאָלט שוין װעלען אַנטלויפֿען.

בלוט.

אין יענעם טאָג איז מיר געווען זעהר פריילִיך: עטליכע צענדליִנג טריט פון מיר האָט גערוישט אין געשוימט זיין מאַיע-סטעט דער ים, איך בין געזעסען אין אַ גאָרטען, מאַנגאָליעס האָבען געבליט, רויזען האָבען אַליין אין די הענט זיך געבעטען, קיפּאַריסען, פּאַלמעס, אָלעאַנדרעס.. דאָס אויג האָט זיך צו יעֶם אַלץ צוגעוויינט, די נשמה האָט די אַלע ריחות אין קאָלירען איינגעזאַפּט, די נשמה איז אַליין פאַרביג און שמעקעדיג געוואָרען...

אַ קלאַוויר איז געשטאַנען אין גאָרטען צווישען די בוימער און ווער עס האָט געקאָנט איז צוגעגאַנגען און געשפּילט פאַר זיך, פאַר אַלעמען, פאַר דעם ים מיט די בלומען מיט די ווייסע בערג.

עס איז געווען אַ יום-טוב ביי מיינע בעקאַנטע, זייערס אַ טאָכטער איז אַלט געוואָרען אכטצעהן יאָר...

און פאַר די אַכטצעהן מיידעלשע יאָרען האָט עס היינט אַלץ געבליט, געשפּילט און געזונגען...

אין גאָרטען האָט מען צוגעגרייט טישען, ווייַן, וויינטרוי-בען, פּערסיקעס און אַפּריקאָסען...

ווער עס האָט געוואָלט איז צום טיש צוגעגאַנגען און

געטרונקען פאַר די אַכטצען מיידעלשע יאָר..

און זי אַליין האָט אויפגעטעמענט אַ פּאָר שמאָלע מאַנ־דעל אויגען און געלאַכט און יערערען געגעבען אַ שמייכעל, אַ יונג מיידעל האָט אַ סך שמייכלען אין האַרץ, אפשר אַזוי פיל, וויפיל שטראַלען דער ים האָט אין אַ טאָג בעת די זון שיינט.

עס זענען אַלץ מער געסט אָנגעקומען, עס וועט היינט דאָ זיין אַ מיטאָג פול מיט גלאַנץ און רייכקייט, קרישטאָלענע כלים האָבען געגלאַנצט אויף די טישען, זילבערנע כלים...

עס איז געווען פריילעך.

פאַרהאַן מאָמענטען, אמת, זעהר קורצע רגע׳ס, נאָר דע־מאָלט דוכט זיך, אַז דער גן־עדן האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף אונזער ערד, וואו עס בליען מאַנגאָליעס, וואו מיידלעך שמייכלען, ווי געטינס...

איך בין אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשכורט, געווען אויפרשכ־טיג ווי קיינמאָל נישט, געלאַכט, און געשוועבט צווישען די געסט. וויל...

די אַכטצען יאָר האָט צו מיר עטליכע מאָל געשמייכעלט און איך האָב געהאַט אַ צו זאָג אויף אַ באַזונדער באַגעגעניש, שפּעטער ביינאַכט ביים ים.

נאָר די שמחה פון יענעם טאָג איז ביי מיר צעשטערט געוואָרען.

צופעליג בין איך דורכגעגאַנגען אַ פאַרוואָרפענע אַלעע פון גאָרטען און דאָרטען האָב איך פּלוצלינג דערזען אַ מיידל מיט אַ ווייסען קיטעל און מיט אַ ווייסער מיץ אויפ׳ן קאָפּ.

ער האָט געהאַלטען אַ קליין שאַרף העקעל אין האַנד און געקוילעט עופות.

אונשולדיגע יונגע הענדלעך, קאַטשקעס, טויבען.

ער האָט זעהר פלייסיג געאַרבייט זעהר גיך און פלינק.

דאָס פרישע לעבעדיגע בלוט האָט אים עטליכע מאָל זיין פנים פאַרשפּריצט.

די עופות האָבען זיך געראַנגעלט און געקרעכצט כמעט ווי מענשען, געבעטען זיך...

עס איז געווען אַזאַ שיינער טאָג אַזוי פיל זון, בלומען, אַזוי פיל פ[illegible].

— ניין, אין אַזאַ טאָג האָט זיך קיין בלוט נישט געטאָרט פאַרגיסען פון קיין איין באַשעפעניש ניט.

און דערנאָך בין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער.

איך האָב נישט געוואָלט וויסען פון קיין פאַרענטפערונג, אויפ'ן האַרץ איז געלעגען אַ הייסער, אַ בליערנער ווידערשפּרוך.

איך האָב פאַר קיינעם גאָרנישט דערציילט מען וואָלט פון מיר געלאַכט.

שולמית.

ניטשאָ דאָ אין דער טומעלדיגער שטאָדט קיין צעדער־בוימער, נישטאָ קיין הײנגערטנער. איך בין נישט קײַן מלך, מיין פּאַלאַץ איז אַנ׳אײנפאַכער צימערל אויף אַ הויכען שטאָק. װעניג זון דערגרײַכט צו מיר און בלומען זעה איך בלויז אין די שויפענסטער.

אין דאָך...

אין די אויערען קלינגט כסדר „דאָס ליד פון די לידער״ און מײנע ליפּען מורמלען די קלאַנגען פון דעם אײביגען געזאַנג.

איך בין אָרעם, פאַרלאָזען און פול מיט יאוש, און דאָך. איך האָב אַ גרויס גליק, אַ ציטערענדיגען גליק. איך שרעק זיך אים צו פאַרלירען. איך װעל עס נישט איבערלעבען. און עס גלויבט זיך נישט, אַז דאָס גליק איז מײנס. דער פאַרשאָלטענער יאוש לאָזט נישט גלויבען, אַפילו דאַן, װען דו ביזט אין מײַנע אָרעמס און דײַן האַרץ קלאַפּט אויף מײַנער!

צװישען גרויסע שטײנדלעך, האָט אַ דימענט געלויכטען גאָט האָט מיך געבענטשט מיט גוטע אויגען: איך האָב דיך דערזען און אָפּגעשאַצט: ביזט װערט, מען זאָל לײַדען צוליב דיר, צװישען די גרעסטע װאָלקענס האָט אַ שטערענדעל געצאַפּעלט,

איך האָב צום שטערענדל מײַן טיפסטע תּפילה געשיקט..
שולמית...

יעדעס מאָל ווען דו גײַסט צו נעענטער צו מיר, ווען דו בויגסט אריבער דײַן קאָפּ און פאַרמאַכסט לײַדענשאַפטליך די אויגען, יעדעס מאָל, ווען דו גלעטסט מיך און זינגסט, ווען דו קושסט. יעדעס מאָל קומט מיר אויף די ליפּען דער נאָמען פון שלמה המלך׳ס געליבטער
שולמית...

דו לאָך נישט, איך וויל אַליין באַשײַדען זײַן. באַשײַדען און אויפריכטיק. גיב אַ קוק! מײַנע האָר ווערען שוין גרוי. איך בין דורכגעגאַנגען זעהר אַ שווערען וועג און איך ווײס נאָך נישט, וועלכע צרות דער שיקזאַל גרייט מיר ווידער צו.

קײַן גליק האָב איך נישט געוואוסט. נאָר געזוכט האָב איך אים. איך האָב זיך געשראָקען: לעבען! איך וועל דיך דורכגײַן אָן גליק? לעבען! דײַן זאַנפטמיגער בעכער וועט בלײַבען פוסט פאַר מיר? און איך האָב זיך געוואָרפען אויפ׳ן לעבען. איך האָב געטרונקען פון זײַן בעכער, נאָר דער ווײַן האָט מיך בלויז שכּור געמאַכט און נישט בערוהיגט און נישט יום־טוב׳דיג געמאַכט.

נאָר איין זאַך איז מיר פאַרבליבען: איך בין שטענדיג אין ערוואַרטונג געווען, אויף דיר האָב איך געוואַרט. מײַן בענקשאַפט האָט מײַן האַרץ אויפגעגעסען וואַרטענדיג אויף דיר. מײַנע, מײַן מין, מײַן פלאַם, מײַנע ליפּען און מײַן האַרץ יאָלסטו זײַן.

פרעמד.

שטויב איז אויף די בלומען געפאלען און לאמיר ווארטען אויף גאט׳ס רעגען, עס זאל דעם שטויב אראבריינגען. איך אלײַן בין אויסגעלײַטערט דורך א סך, א סך יסורים און איך גלויב, אז איך האב דאס רעכט דיך צו ליבען. מײַן לוין פאר אזוי פיל בענקשאפט און אומרו...

דו ביזט ארומגערינגעלט פון אלע זײַטען מיט וואכעדיגקײַט. און אלײַן ביזטו א יום־טוב׳דיגע. דו שמײכעלסט, ווײַל די האסט א הארץ מיט זון און ארום דיר שטײען קלײנע מענשעלעך מיט הונגעריגע אויגען. זיי פארשטײען גאר אנדערש דײַן זוניגען שמײכעל. דו לאכסט... די זינגסט... ווי איך אײַפער, ווען דו שײַנקסט זיי דײַן אויפמערקזאמקײַט

מיט פארביסענע ליפען ווארט איך אב די רגע, דו זאלסט מיך שוין באמערקען, דײַן האנט זאל זיך שוין צורירען צו מײַנער און איך זאל שוין הערען דײַן מײַערען „קום!“.

אויף די גאסען איז טומעל... דו דערמאנסט מיך א פויגעל פון וואלד, מיט קאלירטע פליגעל, און ווי קומען דא דײַנע פארבען אין דער אײַנגעגעסענער גרויקײַט, ווי קומט דא דײַן שמײכעל, דײַן לאך, דײַן קלינגענדיגער קול?

דײַן יעדער בויג דערמאָנט לעבען, װע־סטו מיר, זעה איך װאָס דיר פֿעלט: אַ לאָנקע, אַ װאַסער. װערסטו אומעטיג, װײס איך װאָס עס װאָלט דיר איצטער באַרוהיגט: דער ים, דאָס קלאַפּען פֿון די פֿאַליעס אָן ברעג. פֿאַרבײַסטו לײדענשאַפֿטליך דײַנע ליפּען, בענק איך מיט דיר אינאײנעם נאָך דעם זינגיגען װײַנגאָרטען, נאָך דעם שאָטען פֿון אַלטע בוימער.

און פֿרעמד, שרעקליך פֿרעמד איז אונז די שטאָדט, מיט אירע קלײנליכקײטען און מיט אירע װאונדער.

װײל מער װי זיך אַלײן זעהען מיר ניסט, און מיר װילען נישט זען. װאָלט גאָט נאָך װעלטען בעשאַפֿען... אונז איז אַלץ אײנס. מיר באַדאַרפֿען בלויז אַ קלײן װינקעלע פֿאַר אונזער גרויסען גליק.

ביזט אַ פֿרוי און ביזט ניגעריג. שטעלסט זיך אָפּט אָב באַטראַכטען דעם רויש פֿון לעבען. אַ שויפֿענסטער ציט דיך צו, אַ קאָמפּלימענט מאַכט דיך פֿרײליך, נאָר דאָס זענען בלויז רגע'ס, דײַן האַנט גיט שטאַרקער אַ דריק מײַן האַנט און מיר גײען װײטער.

שמאָלע, שמוציגע טרעפּ, אַ גלעקעל אין טיר און מיר װאַרטען ביז מען עפֿענט. שװײגענדיג קוקען מיר זיך אָן... װאָוחין גײען מיר דאָ, יעדער טריט איז אונז דאָ פֿרעמד, פֿון די װענט קוקען פֿרעמדע בילדער, פֿון װײטען קלאַפּט די שטאָדט אומאַנגענעהם, טרוקען און אײנטאָניג.. גיב שוין אַ קוק מיט דײַן גוטען בליק און פֿאַרטרײַב אַלע מחשבות, װי מיט אַ װאונדער-שטעקעלע...

אין מײן װינקעלע.

אַ צימער פֿון אַ פֿערציג־יעריגען אײנזאַמען מענשען... הער זיך אײן! דאָ שװעבען פֿאַרבײַ אַלע מײנע האָפֿנונגען און טרױמען. איך האָב געװאָלט שטאַרק זײַן — דאָס לעבען האָט מיך אָבגענאַרט. איך האָב געװאָלט גלױבען און דאָ קריץ איך מיט די צײן פֿון יאוש, אָט אָ די פֿיר װענט זענען מײנע שופֿטים, דאָ קאָן איך גאָרניש באַהאַלטען. דאָ מאַך איך נאַקעט מײן נשמה און פֿאַר יעדע שװאַכקײַט און פֿאַר יעדע ליגען װער איך באַשטראָפֿט אָן רחמנות, פֿון זיך אַלײן, די שטימקײט שטראָפֿט, דאָ קאָן איך אַפֿילו נישט זיפֿצען, דאָ טרײסט קײנער נישט... מיט צװאַנציג יאָר צוריק בין איך יונג געװען און די פֿליגלען האָבען גענומען װאַקסען אױף מײנע אַקסלען. איך קאָן קײנעם נישט באַשולדיגען, יעדער בױט אײגען זײן לעבען און פֿאַלט ער אין װעג, איז דאָס זײן שולד.

װאָס לאַכסטו, קלײנע! האָסט דײנע הענט אױפֿגעהױבען און מײַנע גרױע װענט אָפּגעריקט, האָסט אַ װאָרט געזאָגט און אין דײן אײנאײנציגען װאָרט זענען אַלע מײנע טרױעריגע װערטער דערטרונקען געװאָרען

חער דו ביזט און װאָס דו ביזט?

ביזט דער גרעסטער אוצר, ווייל דו ברײנגסט פארגעסונג אין אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט איז זינד געווען — איך בין דער גליקלעכסטער.

ווי ליכט דיינע פינגער פלאָנטערן אויס אַלע נעצן. איך בין פריי אין מיינע פרייע הענט נעמען דיך אַרום.

נישטאָ קיין גרעסערע פרייד, ווי דער געדאַנק, אַז דו ביזט מיט מיר, אַז דו האָסט אַלעמען פאַרלאָזן און צו מיר געקומען.

דאָ אין מיין איינזאַמען צימער טאָר מען די פאַרגאַנגענהייט נישט דערמאָנען, דאָ טאָר מען פון דער צוקונפט נישט טראַכטן, דאַן, בעת די פליגלען זענען צעבראָכן, אָבער די איצטיגע רגע, בלויז די איצטיגע רגע. די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס לעבן וואַרט, ביז מיר וועלן זיך אָנזעטיגן מיט פרייד און פאַרגעסונג...

און קומט די שעה פון ערוואַכונג באַגעגענען מיר איר עם אָן ווערטער שווייגענדיג גייען מיר פון די טרעפּ אַראָפּ.

— הער זיך איין... שעה'ן, וואָכן, יאָרען ליידען און דערנאָך אָפּגנב'ענען אַזעלכע עטליכע שעה ביי גאָט, ביי אַלעמען.

אָפּגנב'ענען און ווידער אַוועק אין טומעל...

איך גיי און וואַרף זיך מיט מוט אין לעבן, איך וואַרט ווידער אויף די עטליכע געבענטשטע שעה'ן.

אַ קינד.

פון גרינעם וואַלד-קאָרידאָר גייט אַרויס אַ יונג פּאָר־פאָלק. דאָ אויף דעם וועג איז פאַראַן מער ליכט ווי אין וואַלד און ביידע ווערן זיי איצט אויפגעוואַכט, די אויגען באַהאַלטען זיך פאַר דער ליכט.

די קליידער זענען ביי ביידען צוקנייטשט. עס הענגען אויף די קליידער וואַלד-נאָדלען, זיי רייניגען עס אָב, זיי לאַכען נישט און רעדען געציילטע ווערטער.

טאָג! וואָס האָסטו זיי דערשראָקען? טאָג! די נאַכט איז בעסער פאַר דיר, די נאַכט האָט זיי צוגעטוליעט איינער צום צווייטען און גליק געגעבען, און דו, טאָג! דו קומסט מיט אַ פאַרגרעסער-גלאָז און קוקסט אַריין אין די נשמות און ווילסט געפינען פלעקען.

פלוצלינג פאַרקוקט זיך דאָס פּאָר פאָלק אויף די בערג, אויף דעם כּאָס, אויף דעם שטיק ים, וואָס זעט זיך פון ווייטען און זיי פאַלען זיך אויפ׳ן האַלז, קישען זיך מיט אַ ריינער פרייד.

— אַ גליקליכע נאַכט געווען, זאָגט ער.

די איינציגע אין מיין לעבען, ענטפערט זי.

— ווערסט מיך נישט פאַרגעסען?

— און דו מיך ווערסט געדיינקען?

— שטענדיג, אייביג...

נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגען רופט ער זיך ווידער אָן:

— אייגענטליך זענען מיר פרייע מענשען. איינער דעם צווייטען גיט וואָס ער קאָן און נעמט וואָס ער קאָן.

— יאָ, מיר זענען פרייע מענשען, ענטפערט זי אין און ווערט באַלד אַנטשוויגען.

— וואָס שווייגסטו? — האַלט ער נישט אויס.

— איך טראַכט, טאָמער וועל איך פון דיר אַ קינד געבוירען.

דער געדאַנק ציטערט אויף ביים מאַן, ערגיץ טיף אין דער נשמה גיט עפּעס אַ ריר זיך. דאָס וואָס איז לאַנג געשלאָפען, איצטער האָט עס אויפגעוואַכט אין די פרוי, וואָס שטייט נעבען אים זעט אים איצט אויס גאָר אַנדערש, נענטער, טרייער און טייערער.

אָט דאָ צווישען די בערג, אונטער פרייען הימעל. אַ מזיק אוראַלטע נשמה האָט זיך אין אים אויפגעוועקט. ער כאַפּט די פרוי און נעמט לויפען מיט איר.

און עס דאַכט זיך אים, אַז ער טראָגט זיין צוקונפט אויף די הענט אין די גאַנצע וועלט לעבט און אָטעמט מיט אים.

די פרוי באַקומט אַרויס איר קאָפּ פון אונטער זיינע הענט. זי זוכט זיינע אויגען, זי האָט איר זיך אָבגעהאַלטען.

אַ קוש.

— ווער עס וועט אַרויפקלעטערען אויף יענעם פעלז באַקומט פון מיר...

— וואָס?

— שאָקאָלאַד..

— ניין, שאָקאָלאַד פּאַסט פאַר אונז נישט.

— בלומען, הונדערט רויזען גיב איך. .

— הונדערט רויזען איז אַ פיינע מתנה נאָר עס פעלט איין צוגאָב, דיינס אַ קוש, טאַמאַראַ!

און טאַמאַראַ, דאָס שטראַלנע און לוסטיגע מיידעל זאָגט צו אַ קוש מיט הונדערט רויזען, דעם, ווער עס וועט דערגרייכען דעם פעלז...

מאַקס איז געקראָכען דער ערשטער און איז אַראָבגע-פאַלען און צעבראָכען אַ פוס.

האָט מען אים אָוועקגעטראָגען און דעם פוס באַנדאַזשירט און אַלע האָבען גערעדט פון דעם פאַקט:

— דאָס יינגעלע וועט דאָך נאָר משוגע.

טאַמאַראַ האָט געשוויגען, מיט פאַרביסענע ליפען איז זי אַרומגעגאַנגען, אַלע בייזע בליקען זענען דאָך אויף איר געפאַ-

לען, דאָך אין הארצען האט זי זיך געפרייט. איינער האָט איר געפאָלגט צוליב איר קאפריז האָט ער זיין לעבען געשטעלט אין סכנה.. זי האָט אים געשיקט. די הינדערט רויזען. א גרויסע קויש מיט בלומען האט זי געשיקט. עס האָט די אויגען פאר-בלענדט.

מאַקס איז געלעגען איינגעבאנדיזשירט. ער איז גליקליך געוועזן, ער האט זיך געפילט ווי א העלד נאָכ'ן שלאכט, נאָר זיינע אַרומיגע האבען זיין פרייד נישט פארשטאנען.

איינמאָל בעת ער איז געשלאָפען, האָט זיך טאמארא אריינגעגנב'עט צו אים אין צימער און אים א קוש געגעבען.

זי האָט באַצאָלט איר חוב!

נאר מאַקס האָט געהאט פּרעטענזיעס. דעם קוש בעדארף ער בעקימען נישט שלאָפערדיגערהייט, נאָר בעת'ן וואך-זיין.

זיי האָבען זיך לאַנג געאמפערט, ווער פון זיי איז גע-רעכט. מאַקס איז געזונד געוואָרען און זיי האָבען נישט אויפגע-הערט וועגען דעם צו דיספוטירען.

און אין די דאָזיגע דיספוטען האָט טאמארא באצאָלט איר חוב מיט גרויסען פראָצענט...

אַ רויבער.

איך ליג אין וואַלד. דאָ זענען פֿאַראַן געמישטע בוימער, געקרויזקע בזשאָזשעס און שטעכעדיגע סאָסנעס און עס גייט דאָ אַנ׳אייביגער שפּיל, אַ גאָלד און זילבער שפּיל, עס חנ׳דעלט זיך אין בויט צום צווייטען.

איך ליג אויף אַלטע בלעטער אויף אַראָפּגעפֿאַלענע סכך-נאָדלען, אַנדערע פֿון זיי זענען נאָך גרין, אַנדערע געל־זשאַווער קאָליר. אין אַ געשליינגעלטער שערענגע ציען זיך ערגיץ די מוראַשקעס, אין פעלד צו פֿון פֿעלד, מען דאַרף אָנגרייטען קאָרען אויף ווינטער...

דער וואַלד לעבט מיט זיין שווייגען, מיט זיינע האַלבע צופעליגע פֿויגעל-טענער. און איך אַליין פֿאַרגעס אַלץ מער פֿון וואַנעט איך בין געקומען.

רוהיג, גוט אין דער זיסער גליכגילטיגקייט.

איך נעם ווידער טראַכטען מיין אַלטע מחשבה פֿון דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט. פֿון מעשה-בראשית, פֿין...

טריט, גנבישע טריט האָב איך דערהערט. און איידער וואָס... רעדזע איך ווי אַ מענש שפּרייזט האַסטיג צו אַ יונגען בוימעל מיט אַ האַק.

דאָס בוימעל איז דין און עס גלאַנצט מיט בליץ-זילבער. איינס, צוויי, די האַק קלאַפּט, דער עכאָ ענטפערט, דאָס בוימעל ברעכט זיך איין מיט אַ קרעכץ און פאַלט אַראָפּ מיט אַלע זײַנע לעבעדיגע צווייגען.

דער מענטש כאַפּט עס אַרויף אויף זיין אַקסעל און אַנט-לויפט, ווי ער וואָלט ביים שונא די פאָן צוגענומען. איבער'ן וואַלד גייט אַ געמורמעל אַוועק.., אַ קדיש...

איך הויב זיך אויף פון מיין געלעגער, איך שטיי שוין דאָרט, וואו דער וואַלד איז ליידיגער געוואָרען. דאָס בוימעל פעלט, דער פרישער וואָרצעל וויינט, עפּעס אַ פויגעל האָט גע-נומען יאָמערן.

וואַלד, וואָס איז דאָ געשען אַזוי גיך?

וואַלד, מיט וואָס זאָל איך דיר טרייסטען? ..

אַרום וואַלגערן זיך פרישע צעבראָכענע צווייגען, יונג גרינע בלעטער — סימנים פון פאַרגוואַלדונג.

וואַלד! וואָס האָט דער מענש מיט זיין האַק אונז ביידען דערמאָנט ?

וואַלד־רויש...

צוערשט איז דאָס אַ שטילע תּפילה. עס סוד׳ען זיך די בלעטער פֿאַלען־צו איינס צום צווייטען און קושען זיך,

עס שאָקלען זיך די ביימער, ווי גוטע מחותּנים, ווען זיי דערציילען פֿון זייער יחוס, קעמען מיט די פֿינגער די בערד קרייזל׳ן זיך א פּאה און שמייכלען צופֿרידענערהייד: יאָ, יאָ... א יחוס!

די יונגערע ביימלעך פֿון בלעטער־וואַלד אין סאַמעט־גרינע קאַפּאָטקעס ציען אויס די לאַנגליכע העלזער, האָרכען־זיך־איין, וואָס די עלטערע דערציילען, שאָקלען זיך דערביי...

צערוישט זיך דער וואַלד. א הויכע קדושה? נישט אַנ־דערש. אַלע בויגען זיך צום מזרח, בלעטער פֿלאַטערן אויף די צווייגען — ליפּעו מורמלען:

— „קדוש, קדוש, קדוש...“

באַלד גלייכען זיך אַלע אויס, בינדען־אַרום די גאַרטלען׳ דערציילען זיך ווידער אַלטע געשיכטעס, בלאַט פֿאַלט צו בלאַט, צווייג צו צווייג..

— „זשו, זש , זשו...“

גיבען זיך אונגעריכט די ביימער א ריס, א בויג פֿאָרויס.

טויזנד־טויזענדער גריִנגע בלעטער פאַלען אײנס אויף דעם צווײ־
טען מיט כעס, מיט צאָרן. צווײגען פלאָנטערן זיך, שוואַכערע
האַלטען נישט אויס און ברעכען־זיך־איבער, בלײַבען הענגען
אַזוי אָנגעבראָכען.

אַ מחלוקת אין וואַלד.

ווער איז שולדיג? ווער איז גערעכט? אַלע, אַלע רױשען,
אַלע בוימער שטרעקען־אויס די צווײגען־אָרעמס, מיליאָנען בלע־
טער, ווי די מוראַשקעס, צאַפּלען זיך, טומלען מיט זײד־שאָרך.

צו מלחמה זענען אַלע גרײט און קײנער ווײסט נישט,
פאַרוואָס — דער וואַלד איז דאָך אַזוי גרויס, אַזוי שײן.

די בוימער רוען־אָפּ. ציִען־אויס די צעשלאָגענע גלידער־
קרעכצען און דערצײלען די הגלדי קײט זײערע, בעריִמען זיך
האַ!...

די קוקו כאַפּט זיך ארויף אויף אַ בוים, שרײט עטליכע
מאָל אויס און לאַכט־זיך־פונאַנדער, פאַרשעמט זיך דער וואַלד,
וויל זיך פאַרענטפערען,... זשו, זשו, זשו...

צווײ גילדענע וויעוויאָרקעס טאַנצען־אַראָפּ פון די צווײ־
גען, פאַרשווינדען צווישען די קלײנע בוימלעך. וואָס גײט זײ אָן
דער גאַנצער טומעל? בײַ זײ איז איצט נאָך דער חתונה..

פיש אויפ׳ן ברוק...

עס גייט, עס לויפט דאָס לעבעדיגע לעבען. דער הימפעס טראָגט אוועק די אויסגעשרייען פון די גאַסען-יונגלעך, דעם קלונג פון טראַמוואַי און אַלע משוגנה׳דיגע טענער פון די אויטאָמאָבילען.

לינקס, רעכטס, פאָראויס און צוריק; יעדערער האָט דאָן זיין ציל, זיין אינטערעס מיט׳ן טאָג.

דאָס זעלבע איז נעכטען געווען, דאָס זעלבע וועט מאָרגען זיין. די רוישיגע טעג רייסט איבער די שוואַרצע נאַכט, וועלכע איז באַלויכטען מיט בלייכע פייערן...

עס קומט ווידער אַ טאָג און יאָגט זיך געשווינט, ווילד-האַסטיג מיט מענש, מיט וואָגען, מיט לאָקאָמאָטיווען מען רייסט אראָפּ פון קאַלענדאַר דעם נעכטען.

מען לויפט איבער די גאַסען און קיין זאַך שטעלט נישט אָפּ.

נאָר עס טרעפען קאָמישע מאָמענטען:

אין דעם הו-האַ, אין דעם שארען מענשען-שטראָם לויפט צריין אַ געוועגליכע אומגעוועגליכקייט.

פיש...

לעבעדיקע פיש צאפלען זיך אויפ'ן ברוק, איינס, צוויי, פיר, צען, זיי שפרינגען און פאטשען די שטיינער מיט'ן קאפ, מיט'ן עק.

מענשען מיט ברילען, מענשען מיט טעקעס אונטער די ארעמס שטעלען זיך אפ. וואס איז דא געשען?

גאנץ געװענליך: א פור איז פארבייגעפארען מיט פעסער. האט איין פאס געפלאצט און לעבעדיקע פיש האבען זיך געלאזען זוכען דעם ים... אויפ'ן ברוק.

פאר די גאסען-יונגלעך איז דאס א וויכטיגער ענין, מע לאזט זיך אויף יאגד, די פיש טאנצען, די כאפערס טאנצע[n] נאך זיי...

די גאנצע גאס לאכט, עס איז געװארען לעבעדיק.

סאָלדאַטען גייען...

איך וואָלט וועלן נאָכאַמאָל געבוירען ווערען און נאָכאַמאָל זיין אַ באָרוועסער יונגעל...

און גיין מיט די סאָלדאַטען...

פֿעסט מאַכען די קליינע פֿויסטען, אַקאָמפּאַנירען מיט די טריט און שפּרייזען..

דער עלטסטער גייט מיט אַ שווערד. אַ מחנה יונגלעך פֿאָראויס, נאָך זיי די מוזיקאַנטען. פֿון גרויס פֿרייד נעמען זיך עטליכע קינדער אָרום און שפּרייזען אַזוי געאָרעמט, דער מאַרש איז אַזאַ פֿריילּיכער.

העי! מאַך זיך נישט אַזוי אַלט, כאָטש דו שטייסט אויף איין אָרט, דאָך טאַנצט אין דיר די גאַנצע נשמה, און די גאַנצע גאַס טאַנצט, אַלע שילדען, אַלע פֿערד און וועגען, די ליפּען דיינע מורמלען די מעלאָדיע...

שוין ווייט, שוין דורכגעגאַנגען די לעצטע שערענגע, יינגער האָט נישט געזען: אַ האַלבע טרער האָט זיך ביי מיר אין אויג באַוויזען און האָט זיך צוריק אַריינגעגנב׳עט...

אײַר ׳ אַוויר...

אויף די הענט איז די הויט בײַ איר געלבלעך, ווי אַלטע אָפּגעקראָכענע הענטשקעס. די הענט ציטערן כּסדר. די אויגן טיף אין קאָפּ, אַ מויל אָן ציין. פֿון אירע פֿיר חדרים, האָט זי דרײַ פֿאַרדונגען צו פֿרעמדע מענטשן. שווערער, ווי אַלץ איז איר געווען צושיידן זיך מיט דעם לעצטן חדר, וואו עס שטייט אַן׳אַלטער קלאַוויר, פֿון וועלכן בלויז עטלעכע קלאַווישן ענטפֿערן מיט אַ שוואַכן קרעכץ: „כלעב״. און בעת זי האָט דעם צימער פֿאַרדונגען האָט זי זייער געבעטן דעם יונגען מאַן, ער זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק מיט׳ן קלאַוויר.

בײַ יעדער געלעגנהייט פֿלעגט זי דערמאָנען: „מײַן קלאַוויר״ „דער קלאַוויר״. די ערשטע צײַט האָט דער יונגערמאַן געשאַנעוועט דעם „בר-מנן״ אַזוי האָט ער אָנגערופֿן דעם אַלטמאָדישן שפּיל-קאַסטן, שפּעטער האָבן געקומען גייען צו אים חברים און יעדער איינער האָט געמוזט פּרובירן „צו ער שפּילט״.

פֿלעגט די אַלטע קומען צולויפֿן מיט אַ קרעכץ, מיט טרערן אין די אויגן. „גזלנים, מײַן קלאַוויר״ האָט איר אינער געענטפֿערט, אַז מען קאָן מיט „אים״ עטלעכע מאָל אויסהייצן דעם הויזן, איז די אַלטע בײז געוואָרן, דערנאָך האָט זי

עטליכע טאָג געווײנט און געקרעכצט.

איינמאָל אינמיטען נאַכט האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ, ווי אַ וואַנט וואָלט אײַנגעפאַלען. פון אַלע חדרים איז מען געקומען צולויפען אין יענעם חדר, וואו דער קלאַוויר איז געשטאַנען, נאָר ער איז שוין נישט געשטאַנען, ער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דרערד און יעדע פוס האָט זיך באַזונדער געוואַלגערט. די אַלטע איז אַריין אין דערזען דעם חורבן, האָט זי זיך אויף דרערד אַראָפּגעלאָזען און געגאָסען טרערען.. זי האָט געגלעט די ברוינע ווענטלעך, די קלאַווישען אָנגערירט, זיי האָבען קיין ענטפער שוין נישט געגעבען. אַרום האָט זי געלאַכט..

פופציג יאָר זענען זיי ביידע צוזאַמען געווען. זי און אירע קינדער האָבען דאָ אויסגעזונגען לעם „אים" די בעסטע טרוימען. זי פלעגט שטענדיג טראַכטען, אַז ווי לאַנג דער קלאַוויר איז אין שטוב, אַזוי לאַנג בלייבט דאָ איר נשמה. איצט איז די נשמה אירע געשטאָרבען...

ביים גערטנער.

דער גערטנער ביי וועלכען איך פלעג קויפען בלומען, איז געווען א גרויסער באַרייסער. וואָס אָפטער איך קום צו אים, אַלץ מער שטייגען די פרייזען. איך האָב געצאָלט. דאָך אײַנמאָל האָב איך נישט אויסגעהאַלטען.

— צו טייער, מיין פריינד, צו טייער!

האָט ער גאַנץ געלאַסען אַרויסגענומען פון מיין האַנט די בלומען וואָס ער האָט נאָר וואָס אָפּגעשניטען פאַר מיר.

מיר האָבען זיך בײדע א רגע אָנגעקוקט שוויגענדיג דערביי האָט ער דער ערשטער געזאָגט מיט א בייזען שמייכעל.

— דער וואָס האָט ליב בלומען... דער דינגט זיך נישט פאַר דעם פרייז פון זיי.

דער ביטערער גערטנער, געוואָלט האָט ער ווירקען אויף מיין אייגען־ליבע און דאָס האָט זיך אים טאַקי איינגעגעבען.

איך האָב באַצאָלט, ווייל ער האָט געוואָלט און מער האָב איך זיך קיינמאָל נישט געדונגען.

ווייל דער, וואָס ליבט בלומען...

אַ בליק...

דעם ערשטן צווייגעל בעז האָב איך אין האַנט געהאַלטן און די גאַנצע וועלט האָט יונגער אויסגעזען. באַקאַנטע האָבן אָפּגעשטעלט און געפֿרעגט:

— שוין דאָ בעז?

— דאָס ערשטע צווייגעל, האָב איך מיט שטאָלץ געענטפֿערט.

און געגאַנגען בין איך אויף דער גאַס מיט פֿרייד. דעם רשטען טראָפּעי פֿון פֿרילינג האָב איך געטראָגן.

פּליצלונג האָט עס ווער בײַ מיר אַרויסגעריסן. אין אַ רויס האַנט האָב איך מיין בלום דערזען.

איך האָב זי נאָכגעיאָגט:

—„חצופּה!“ האָב איך זי אָנגערופֿן. און מיט קראַמפּס צוגענומען צוריק מיין צווייגעל בעז.

דאָס איז געווען אַ גאַסן-פרוי. צוערשט האָט זי זיך דער-שראָקן, נאָר גלייך האָט זיך בײַ איר אין די אויגן אַ פֿײַערל אָנגעצונדן און זי האָט מיט אַזאַ קאַלטן, מיט אַזאַ בייזן בליק מיך אָפּגעמאָסטן...

דער בעז, דער פֿרילינג, מיין פריילעכע שטימונג, -- אַלץ האָט, ווי אין דרערד אײַנגעזונקען.

איך האָב גענומען האַסטיק שפּרייזן. אַ שטומע קללה האָט מיך נאָכגעיאָגט.

ווי עס שטאַרבט...

עס האָט ווער אַ זיבן נעטאָן אין מיין חדר. אפשר איך אַליין? נאָכאמאָל אַ זיבן, איך קוק זיך ארום: מיינע אויגן פאַלן אויף דער ווייסער רויז, וועלכע שטייט אויף מיין טישעל אין אַ קלאָר גלאָז וואַסער.

דער רויש אויף דער גאַס ווערט שטילער, ביים שכן קלאַפּט מען אויפן קלאַוויר גאַמען... מיט אַמאָל דערזע איך מיין איינזאַמקייט. איך דערפיל דעם אומעט פון אליין.

גיי איך צו גענטער צו מיין בלום.

עס לעבט דאָ פאַר מיר עטליכע טעג. די איינציקע שפייז, וואָס איך גיב עס, איז פרישע וואַסער. צוערשט איז די רויז אַ בלינדע, אַ פאַרמאַכטע געווען, דערנאָך האָט עס האַלב געעפענט אַן אויג און לאַנגזאַם זיך ארומגעקוקט.

איך האָב ליב בלומען. ווייסע רויז, איך וועל דיך גאָר ניט טאָן.

איבערנאַכט האָט זי זיך ברייט פונאַנדערגעבליט.

אין אַ פּאָר טעג ארום האָב איך דערהערט דעם ערשטן זיפץ, דערנאָך אַ צווייטן. און האָב פאַרשטאַנען: בלומען זיפצן.

איצט האָב איך צו יענעם ווינקעל געקוקט, וווּ די רויז שטייט, האָב איך באַמערקט אַ ווייסן פּלאַטער...

ווי אַ שאַרכלאַזן טויב וואָלט פאַרבײַגעפלויגען. ווי אַ ווײַסע האַנט וואָלט אַ ווינק געטאָן.

נײַן אַ ווײַס בלעטעלע פון דער רויז איז אַראָפּגעפאַלן, אַ ווײַסע טרער... נאָך אײַנס, נאָך, נאָך...

דער טיש באַדעקט זיך מיט אַ דופּטיקן שניי.

דער טיש באַדעקט זיך מיט אַ ווײַס נעזיימטן טישטוכעל פון די פּליטערלעך, עס איז אַ ווײַסער יום־טוב בײַ מיר אין שטוב, אַ ווײַסער שמעקעדיקער טויט...

דערנאָך גײען טעג אַוועק. מיט קלעמעניש גיי איך צו צום טישעל. די בלעטעלעך ציִען זיך אײַן און זיי באַקומען פאַרמעט־פאַרב, געלע קנייטשען קוקען אויף מיר און אַלץ פאַלט אַראָפּ אויף דער נשמה...

ווי אַ זיגעל...

אין קאפע.

אין קאפע „באָם“ קומען זיך צונויף אַלע אָנערקענטע און נישט אָנערקענטע קינסטלער פון שטאָט. דאָ קימען מאָלער מיט סאַמעטענע קורטקעס, מיט לאַנגע האָר, מיט קינסטלער שלייפן, מיט האקן בערד. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. פאַראַן גלייכגילטיגע, רוהיקע. אַנדערע פאַרטרויען פון זייערע קינסטלערישע פלענער, זיי דערצעלן פאַר אַלעמען, זאָגן אַלץ אויס:

—איך וויל אָנשרייבן אַ פּאָעמע, דער אינהאַלט...

איך וויל מאָלען אַ בילד, סוזשעט...

און אַ סך מאָל בלייבען די פלענער נישט מער ווי פּלענער, נאָר מענשען האָבען פאַרלאַנגען און טראָגען זיך אַרום מיט זיי, ביז זיי וועבען אויס.

אין קאַפע „באָם“...

ווער זענען עס די צוויי, וואָס שרייען אַזוי הויך? די גאַנצע וועלט האָבען זיי דאָ אויסגעקלייגט נעבען זיך אויף דעם קאַפע טישעל און רייסן זיך ממש פאַר דער וועלט... אַ רחמנות! די וועלט וועט פון זיי אַ גאַנצע נישט אַרויס. איינער איז דאַר מיט אַ ציטרין-פּנים, דער צווייטער איז דיקער מיט אַ לאַנגען קינסטלער-שלייף.

—אָווסקי איז נישט קיין טאַלענט. אַ גראַפאָמאַן איז ער— אַ נאָכמאַכער.

—און איך האַלט אים פאַר'ן בעסטען ביי אונז

אַזעלכע פּראַזען פליען פון טישעל. דער עולם הערט זיך איין און לאַכט. עס מישען זיך נאָך עטליכע אריין אין געשפּרעך און עס גייט אַוועק אַ יריד, אַ טומעל. אַלע אַמפּערן זיך צוליב דעם אָווסקי'ן. איינער איז פאַר, דער צווייטער איז געגען.

—וואָס פאַר אַ סט ל...

—וואָס פאַר אַ בעגריפען, די עפּאָכע.

—נאַרישקייטען, בלאָפערײ, פּלאַגיאַט.

סוף כל סוף באַליידיגט איינער דעם צווייטען. עס ברעכט אויס אַ סקאַנדאַל, עס קלינגט אַ פּאַטש און באַלד אָבער אין אַ צען מינוט שפּעטער רעדט מען ווידער וועגען אָווסקי'ן.

און קוק! ווער איז יענער, וואָס זיצט אין ווינקעל און שפּילט זיך מיט דער קאַפּע באַדינערין. אַזאַ ענערגישער פּנים, אַרומגעראַמט מיט אַ שוואַרץ בערדעל, אַזעלכע פּלייצעס און די קאַפּע באַדינערין אַזאַ יונגע און פריילייכע, ווי זי שמייכעלט צו אים. מ'זאָגט זיין זיכער, אַז דעם היינטיגען, אָוועט וועלען זיי באַזונדער נישט פאַרברענגען, זי רייסט אַרויס אירע לענגליכע פינגער פון זיינע פעסטע הענט. ער וויל זי כאַפּען, זי אַנטלויפט און ער לאַכט זיך פונאַנדער מיט אַזאַ שטאַרקען קול, אַז דער גאַנצער קאַפּע קוקט זיך אום.

—ווער איז ער?

—ער? דער?

—דאָס איז אָוסקי. דער בארימטער אָהפקי, וועגען וועל-כען מע אַמפּערס זיך דאָ אין קאַפע.

—און ער אליין? וואָס שווייגט ער, בעת עס טומעלט וועגען אים אזוי?

—דו זעסט נישט ער איז פֿאַרנומען.

דאָס דורכזיכטיגע מיידעל מיט'ן ווייסען קורצען שירצע-לע איז ווידער צוגעגאַנגען צו אָוסקי'ן און קאָקעטירט מיט אים.

ארום, ביי די איבריגע טישלעך איז זיין נאָמען פיל מאָל דערמאָנט געוואָרען. ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט.

די אָרעמע נאַכטיגאַל...

מען טאָר ניִשט און מען קאָן היינט ניִשט שרײַבען וועגען נאַכטיִגאַל..

— ס'איז באַנאַל, אָפּגעלעבט.

—ס'האָט דערעסען.

—וועגען בלומען, וועגען ליבע, וועגען זון. לבנה, שטערן, דאָס איז שוין אַלץ געזונגען געוואָרען... גענוג!

אַ גרופּע פּאָעטען, האַלבע פּאָעטען און איבער פּאָעטען זיִצען און פירען דעם שמועס וועגען דער אומגליקליכער נאַכטיִגאַל. מען וויִל זי שוין פאַרגעסען.

— חבריה! רופט זיך אָן איינער אַ ניי צוגעקומענער.

מען שטעלט אָן אויף איִם עטליִכע פּאָר אויגען.

—וואָס?

—ערקלערט מיִר, האָט רחמנות, ערקלערט! נאָכדעם ווי איִר וועט אויפהערען צו זיִנגען וועגען די נאַכטיִגאַל, וועט דאָס פויגעלע, אָט דער וואונדערבארער כשוף מאכער אין די קוסטעס אויך אנטשוויִגען ווערען?

—ג'ניין! האָבען עטליִכע אַרויסגעשטאַמעלט.

—און אַז איִר וועט אויפהערען צו באַזיִנגען די שטערן,

װעלען זײ אױפהערען צו לױכטען?

—נ׳ניין! זײ מעגען זיך לױכטען.

—און די זון װעט װאַרעמען?

—און די לבנה װעט טאַנצירען די שאָטענס פון די בױ־מער?

—און בלומען װעלען װײטער בליען?

—יאָ, יאָ, זודאי אזױ!

— אָ, געלױבט דער אױבערשטער! אױב אזױ מעגט איהר עס אױפהערען צו באזינגען...

מוראַשקעס.

איך שטיי אין וואַלד בײַ אַ לעבעדיקן, באַוועגלעכן בערגעלע, מיראַשקעס, עס הערט נישט אויף זיך צו באַוועגן. הונדערטער קלײנע נשמה׳לעך אײלען ערגעץ און פֿויזען אויף אײן אָרט, אָדער הין און צוריק. אײנס טײלט זיך אָפּ פֿון אַלע און גײט אַוועק, עס געדויערט לאַנג ביז זי רוקט זיך אָפּ פֿון איר שכנים. נאָר איך מאַך אײן טריט און יאָג איר אָן.

איך בין ווידער בײַם בערגעל.

וואָס בויען זײ? וואָס שאַפֿן זײ און וואָס צושטערן זײ? עס מוז דאָך דאָ עפּיס זײַן אַ סוד אַ סיבה, אַ נויטווענדיקייט, גאָט האָט קײן זאַך אומזיסט נישט באַשאַפֿן. וואָס פֿויזען אַזוי אַרום די טויזענט־טויזענטער מוראַשקעס?

אָט שטײ איך ווי אַ קעניג איבער זײ, ווי אַן אַלמעכטיקער דיקטאַטאָר, אַרום זײער גאַנצן בנין, אַרום זײער גאַנצער וועלט.

אײנס צוויי.

אַז אין זאָל נאָר וועלן נעם איך טופּען און קלאַפּן מיט די פֿיס איבער דעם לעבעדיקן בערגעל און קײן זכר וועט פֿון אים נישט בלײַבן.

פון לעבעדיגען בערגעלע...
פין א גאַנצע וועלט מיט לעבענס...
איך טו עס ניט און איך וועל עס נישט טון.
נאָר אָט וואָס:

יעדעס מאָל בעת איך באַגעגען א גרויסען מענשען-געזע-מעל. אומעטום אויף א מיטינג, אָדער אויף א גאַס סקאַנדאַל, אָדער בעת מען בויט א גרויס הויז און הונדערטער מענשען טראָגען וואַפנע, ציגעל און שלעפען די באַלקענס, יעדעס מאָל ביי אַזא פאַל, דערמאָנען זיך מיר די מוראַשקעס.

אפשר ?

אפשר שטייט איבער די מענשען אויך אזא ריזיגער ריז ווי איך האָב זיך אַליין אויסגעזען אנטקעגען די מוראשקעס אין וואַלד.

שטייט ער אַזוי און קוקט אויף אונז נישטיגע, ווי מיר יאָגען זיך אַהער און אַהין, ווי מיר בויען אין אייַלעניש אונזערע הייַזער...

און ווען ער זאָל נאָר וועלען נעמט ער טאָפּען און קלאַ-בען מיט די פיס און פון אונז וועט קיין זכר נישט בלייבען
באשר מיר זעהען אים נישט.

די מוראשקעס האָבען דאָך מיך אויך נישט געזען.

אומעטיג אָן דיר.

אומעטיג אָן דיר. ווער האָט צוגענומען אויף היינט בײַ מיר דעם רעגענבויגען פֿון לעבען? אַזוי פֿיל גרויקייט ווייזט מיר היינט די גאַס און אויף מענשען קוק איך מיט גרויסע אויגען· איך גיי צו זיך אַהיים און אויף יעדען טרעפּעל שטעל איך זיך אָב: „דו וועסט נישט זײַן, דו וועסט נישט זײַן".

די ווענט בײַ מיר האָבען איינגעזאַפּט דיין קול, דיין געשטאַלט קוקט פֿון יעדער זאַך אַראָפּ, ווען איך אַ שטול זיך צום זעצען, ווילט זיך מיר דעם שטול פֿאַר דיר אַוועקשטעלען, נאָר דו ביזט נישטאָ...

אַזוי מאָדנע אומעטיג און לאַנגווײַליג, אין קאָפּ, אין הארצען, אין מיין גאַנצען וועזען ליגט אַזאַ שווערקייט און נעכטען האָב איך, דוכט זיך, פֿליגעל געהאַט, נעכטען בין איך דער בעסטער געוועזען, דער גערעכטער, ווײַל דו ביזט געווען.

„אויב זי קימט" „אויב זי האַלזט מיך" אַזוי האָב איך געטראַכט, בין איך דער בעסטער און דו ביזט געווען די בעלוינונג פֿאַר אַלע מײַנע איבערלעבענישען און וואַנדערנישען. קיין רייכקייט האָב איך נישט געזוכט, קיין כּבוד נישט געזוכט, הערשען האָב איך קיינמאָל נישט געוואָלט, האָט גאָט מיר אַ שולמית געשיקט...

מען דאַרף נישט קיין פּאַלאַץ דערצו, קיין צעדער־בוימער, קיין ווײַנגערטנער. מען דאַרף נאָר, אַז אַזאַ צאַרט קעפּעל ווי דײַנס זאָל זיך צוטוליען צום ברוסט און פילן דײַנע ליפּן און האָרכן, ווי עס קלאַפּט דײַן האַרץ. אַ קליין צימערל מיט איין פענסטער איז דאַן דער גרעסטער און שענסטער פּאַלאַץ.

און אַז דײַן האַרץ האָט געקלאַפּט אויף מײַנס, האָב איך געפילט, אַז די גאַנצע וועלט קלאַפּט פאַר מיר און מער האָב איך נישט פאַרלאַנגט.

ווען דו קומסט צו מיר, ווען דו ביזט מיט מיר אַליין, דוכט זיך מיר דאַן, אַז איך האַלט אַ סך, אַ סך שטריק אין מײַנע הענט און איך ציִ קלינגענדיקע גלאָקן, קלינג־קלאַנג, קלינג קלאַנג! קלענערע, גרעסערע גלאָקן. איך קלינג אויף זיי אויס מײַן פרייד, מײַן צער. ווי וואַסער־פאַליעס רוישן און ווי סקאָ־וואָראָנקעס זינגען, אַ פּאַסטוכעל׳ס פײַף און אַ רוף צו מלחמה אַלע פעדעם פון דער וועלט האַלט איך אין מײַנע הענט.

איך טראָג זיך איבער אין פאַרגאַנגענע דורות, און ווײַטע לענדער. ווילסטו? טאַנצען פאַר אונז באַיאַדערינס אין אײַנע מיט אַ קאַמבירין לויפט מיר אַלץ באַזונטער אַנטקעגן און וואַרפט זיך אין מײַנע אָרעמס... דאָס ביזטו:

אומעטיג אָן דיר... איך האָס די אַלטעגליכקייט, דו מיט דײַנע קאַפּריזן, דו מיט דײַן פּלוצלונגדיגן שווײַגעך, מיט דײַן פּלוצלונגדיגער פרייד האָסט מיר פאַנט זיך געגעבן. יעדע שעה האָט אַן אַנדער פאַרב געהאַט, ווי אַ פידעל איז דײַן נשמה און דײַן קאַפּריז איז דער סמיק וואָס בערירט די סטרונעס און צו

דײַן יעדער מעלאָדיע האָט מײַן האַרץ צעגעקלאַפּט, ביז קײנמאָל אויס רעטעניש פֿאַר מיר ניט געוואָרען און דאָס איז דײַן װאונדער און דאָס איז דײַן קראַפֿט.

איך האָב קײנמאָל די מעלאָדיע נישט געװאָלט אויף אַ צװײטער פֿאַרבײַטן, װען איך האָב עס אַפֿילו געקענט, װען עס האָט זיך מיר אַפֿילו געגלוסט דאָס צו טהון... נײן, דו גײ מיט דײַן װעג נאָך דײַן האַרץ, װי דײַן שאָטען גײט נאָך דיר..

מיט שטרענגשאַפֿט און גוטסקײט פֿעכערט דײַן נשמה דאַכט זיך, ביז מײַנע אײַנגאַנצען און מיט אַמאָל אַ שטרענגער בליק. פּונקט, װי דו װאָלסט באַפֿעלען: „דרך ארץ איך בין אַ בת-מלכה און דו ביזט אַ געװענליכער קנעכט”. בין איך אויך דאָן גליקליך, װאָס אַ בת-מלכה האָט נאָר יואָס געקישט אַ געװענליכען קנעכט, נאָר קינד! בײזער זיך נישט, אַ שאָד אַ טאָג, אַ שעה, דאָס איז אַלץ אונזערס, הײַנט איז אַלץ אונזערס. און אַלץ איז דאָס שוין געװען, אַלץ, װאָס מיר בײדע לעבען איצט איבער אַלץ איז דאָס שוין געװען, נאָר מיר זענען דאַן נישט געװען און אַ ץ װעט זיך עס װידערהאָלען, נאָר מיר װעלען שוין דאַן מער נישט זײַן... לאָמיר נישט אװעקגעבען דער גײַן-שװעענרער צײַט אונזערע מינוטען, לאָמיר באַפֿאַרבען װאָס העלער אונזערע טעג.

איך האָב אַ גרױסע זינד, איך בין אַ פּאָעט און פֿון אַלץ װעל איך אַ יום-טוב מאַכען. געדענקסט אױפֿ'ן בית עולם, מיר זענען אַרומגעגאַנגען צװישען די קברים אין רוהיגע טױטע אַלעען. אַזעלכע רײַכע קברים פֿון שװאַרצען און װײַסען מאַרמאָר, מיר האָבען געלײענט די נעמען פֿון די פֿאַרשטאָרבענע, צװישען זײ

זענען יונגע נעמען אויך געווען. געדיינקסט, די האָסט זיך פּלוצלונג פֿאַרטראַכט: „אַזעלכע יונגע מענשען זיי האָבען דאָך לעבען נישט בעוויזען" און דאָ צווישען די טויטע האָבען מיר זיך געקושט, ווייל אויך דאָרט איז איבער אונז אַ בלויער הימעל געווען און גרינס האָט געלויכטען, אַרויסגייענדיג פֿון טויער חאָסטו זיך אומגעקעהרט צום גרויסען בית-עולם און אַ שטיפֿערישען פֿייף געטון, אַ מיידעלישען פֿריילאכען פֿייף געטון, און מיר זענען ביידע גערעמט פֿון דאָרט אַוועק.

...אין יעדען ווינקעל שוועבט דער אומעט און אַלץ וואַרט אויף דיר, ווי אויף דעם צויבער-שטעקעל... קום און לאַך, קום, און זינג, קום, זיי דאָ מיט מיר, רעד נישט, פֿרעג נישט, נאָר קום! פֿון דעם איינציגען געדאַנק, אַז די קאָנסט נאָך קימען ווערט מיר ליכטיג אויף דער נשמה און מיט אַמאָל לויפֿט דורך אין זינען אַ לאַנג פֿאַרגעסען בילד, איך זע אַן אַלטען פּאָלוואַרק אין דער ליטע, אַ ווייס הייזעל, מיט ווייסע בעראָזקעס אַרום, און אַ טייכעל בליצט אונטער דער זון, אויפֿ'ן וואַסער שווימען ווייסע קאַטשקעס, אַ סך, אַ סך. און אין דעם דאָזיגען ווייסען פּאַלאַץ שפּרייזסט דו אין אַ ווייס קלייד, ווי פֿון שטראַלען געוועבט איז דיין קלייד, פֿון וואַנען קומט דאָס בילד איצט אין מיין געדאַנק ווייס איך נישט, נאָר איך גיב אַ קוק אין פֿענסטער און די גרויקייט פֿאַלט אויף די נשמה, ווי אַ טויט-אורטייל...

אין די בלומען-פֿענסטער שטייען שוין די לעצטע אַסטרעס, פֿון די באַלקאָנען קוקען פֿאַרוועלקטע בלומען, יעדעס יאָר קומט דער הערבסט אונז דערמאָנען, אַז אַלץ פֿערגייט, אַז קיין

זאָך איז נישט אייביג. יעדן בענקט זיך נאָך אביסעלע חאַרימ-קייט, נאָך א ביטעל פריינדשאַפט, א שרעק כאַפּט מיך אָן...

טאָמער וועסטו שוין נישט קומען...

אומעטיג אָן דיר...

דער פֿאָנטאַן פֿון באַחטשי־סאַראַי.

אין אַ קעלער פֿון חאַנס שלאָס. שטיינערנע ווענט אויף אַ שטיינערנע פּאָל. אויף איין וואַנט הייננט, ווי אַן אָרון קודש דער פֿאָנטאַן מיט אַ סך שטיינערנע בעכערלעך, פֿון איין בעכער אין צווייטען פֿאַלען טראָפּענס, שוין העכער הונדערט יאָר אַזוי. אַ רגע גייט אַוועק און אַ טרער פֿאַלט אַראָפּ..

— דער חאַן האָט זעהר ליב געהאַט די פּוילישע פּרינצעסין.

שוין עטליכע מאָל האָט עס מיר מיין אויגיגער באַגלייטער געזאָגט. און איך וואָלט זעהר וועלען ער זאָל אוועקגיין פֿון דאַנעט.

פֿון אַ קליין פֿענסטערל פֿאַלט אריין אַ ביסעל ליכט אין עטליכע מאַטע פּאַסען באַלייכטונג פֿאַלען אויף די פֿולע בעכערלעך פֿון פֿאָנטאַן.

דער סטאָטער איז ארויס פֿון קעלער — איך בלייב אַליין. פֿאַר די אויגען שוועבט אַ יונגע שלאַנקע פֿרוי. אויף ווילדע פֿערד האָבען ווילדע רייטער איר געבראַכט.

צום חאַן, צום הערשער, ער האָט אַזויפֿיעל פֿרויען, זיי אַלע ציטערען פֿאַר זיין בליק, נאָר צו דער געפֿאַנגענער רעדט

ער מיט ליבע, מיט אינטערטעניגקייט.

זי ענטפערט נישט.

זי קוקט ערגעץ אינדערווייט אריין, זי בענקט און שטארבט לאנגזאם פון בייגקשאפט.

צום ערשטען מאל האט דער איבערגעזעטיגטער חאן ליב געהאט און צום ערשטען מאל האט ער זיין קאפ אראפגעבויגען...

זי איז טויט, נאר זאל זי זיין פאראייביגט.

זאלען שטיינער וויינען...

און שטיינער וויינען שוין העכער הונדערט יאר, יעדע רגע, וואס גייט אוועק נעמט צו א טרער.

אין א שטיינערנעם קעלער, שטייט א שטיינערנער ארון-קודש און וויינט, באווייגט א לעבען, וואס איז פאר בייגקשאפט געשטארבען.

אין שטומע נעכט, אין עלענדע טעג רוישען ארום פיל אלטע בוימער, אלע ווייסען זיי, אלע ווייסען, אז...

דער חאן האט זעהר ליב געהאט די פוילישע פרינצעסין.

מיט׳ן ביטערן פאַפּיראָס אין מויל...

עס איז אַזוי איינג, שרייען וויל... יך, מיט מענשען און אָן מענשען — דער זעלבער בליי אויף דער נשמה און די זעלבע ביטערקייט אין מויל... דורכ׳ן רויך שוועבט אַמאָל אַרויס אַ נאָנטע געשטאַלט, וואָס האָט פריער געררייצט, ווי אַ ים-פּיירל, אָבער דער רויך קנוילט זיך, קנוילט ביז׳ן סיפּיט און ווערט אויס.

איך בין אַמאָל געווען אַ בחיר מיט שוואַרץ-ברענענדיגע אויגען און פאַרלאַנגען האָב איך געהאַט... איך גלויב שוין היינט נישט אין זיך און יאָרען גייען אַוועק — קיין איינער קומט נישט מיט אַ ברידערישען בליק, צו קיינעם גיי איך נישט צו ווי אַ ברודער. האַס! וואָלט כאָטש דער האַס ווי שטאַרקער גראַניט זיין... אָבער דער רויך קנוילט זיך, קנוילט זיך און ווערט אויס.

אַנדערע קעמפען און גלויבען. איך וואָלט וועלן גלויבען אין זייער גלויבען...

בלייבט מיר אַלץ די זעלבע ווייטע ווייטעניש, וואָס זעט זיך אפילו אַ בער די הויכע דעכער; טאָמער איז דאָרט ערגעץ פאַראַן אַן אָרט פאַר מיינע מידע ביינער, פאַר מיין עלענד... אפשר איז דאָרט פאַראַן אַ גאָט. איינמאָל זאָל ער זיך ווייזען און

מוֹך לאָזען ווידער ליידען, ווי זיס וואַלטען דאַן אַלע יסורים געווען און איך קוק מיט שטאַרע, דורשטיגע בליקען אין הימעל אַריין. אַמאָל האָב איך דאָרט אין דער הויך אַזוי פיל בלויקייט געזען, אַזוי פיל בלויע דורכזיכטיגקייט... אָבער דער גרויער רויך קנוילט זיך, קנוילט זיך און ווערט אויס...״

קינאָ.

אויפ'ן גאַס שרייען די רעקלאַמע-פייערן, נאָר אינעווייני
איז פינסטער און רוהיג און דאָס גאַנצע לעבען, אַלץ וואָס שרייט
און טומעלט, אַלץ, וואָס לאַכט, וויינט און רוישט, טאַנצט באַוועגט
זיך דאָ אויפ'ן לייווענט אין אַ שווייגען.

עס שווייגען די פאַרליבטע, עס שווייגט דער פאַרברעכער,
דער הענדלער, [illegible] שווייגט דער טויזענט קעפּיגער המון.

דאָס שווייגען האָט געזיגט.

דאָס וואָרט האָבען מענשען פאַרשוועכט, ביליג און וואָ-
כעדיג געמאַכט, די שבועה איז פאַלש און פאַלש זענען די
ליבע-געזאַנגען, די תפילה איז פאַלש, דער אמת איז פאַלש.

און אָט שוועבען פאַר אונז שווייגעדיקע גרויסע שטעדט,
באַלעבטע גאַסען, ציִרק און טעאַטער, שיינק און שפּיטאָל. דער
מענש מיט אַלץ, וואָס ער האָט באַשאַפען, די נאַטור מיט אַלע
אירע סטיכיעס, ים, באַרג, וואַלד...

עס לויפען אויטאָמאָבען, לאָקאָמאָטיווען, פאַבריק-מאַשינען
און גרויסע מעכטיגע שיפען. עס שטורעמט דער ים, עס שטו-
רעמט דאָס פאָלק...

נאָר אַלעס שווייגט דערבײַ —
דאָס שווייגען האָט געזיגט.

הונדערטי פידלען...

עס האָבען געשפּילט הונדערט פידלען,..

צו ערשט בין איך געווען גלייכגילטיג, פון לאַנגווייליג־קייט בין איך אויף דעם קאָנצערט געקומען. איך האָב געקוקט אויף די מענשען, אויף די טואַלעטען פון די פרויען. אַרום מיר האָט ליכט פערפום געשמעקט און ברילאַנטען האָבען געבליצט.

דערנאָך איז מיין בליק געפאַלען אויף דעם דיריזשאָר, ער האָט זיך זעהר קאָמיש געוואָרפען, ווי א משוגענער האָט ער געהויבען די הענט אַראָפּ און אַרויף און איך האָב געטראַכט, אַז דער מאַן מוז האָבען געזונטע מיסקולען פון אַזאַ גימנאַסטיק.

פּלוצלונג האָבען די פידלען זיך אַלע צונויפגעגאָסען און ווי מיט א צחאַנג אַ כאַפּ געטאָן מיין הארץ צו מיין נשמה, איך ווייס אַליין ניט.

איך האָב אויפגעהערט צו זען די מענשען, דעם אָרקעס־טער, בלויז די ווייסע סמיקעס האָבען זיך לאַנגזאַם און ריטמיש געהויבען, ווי דינע שלאַנגען־שטראָמען פון פאַנטאַנען און עס האָבען געגומען שוועבען פאַר מיר בילדער פון חאַלד, פון פאַר־בלאָנזשעשע גליקליכע פאַרליבטע, תפילות, געזאַנגען, פאַרלאַנגען, ספקות און צער...

איך האָב זיך אליין ערגעץ פאַרבלאָנזשעט אין אַ גן-עדן-װאלד, װאו דאָס שװײַגען אפילו האָט אַ ציטערדיגען עכאָ געהאַט, װאו דאָס אומבעװעגליכע באַװעגט און שװעבט צװישען מיט'ן הימל, מיט דער װײַטקײַט, איך האָב זיך פאַרגעסען, איך בין אײן אַנ'אַנדער לעבען אריבער און געדױערט האָט עס אַ רגע, צװײ רגע'ס...

איך האָב אומבעװאוסט אַ קלער געטאָן, אַז באַלד װעט זיך דאָס ענדיגען און איך בין אַרויסגעלאָפען פון זאל איך האָב נעאײלט אַװעקגײן אין דער פינסטערטער גאַס, די אויגען האָב איך געװאָלט צו מאַכען, די מויל, די אויערען פאַרשטעלען, עס זאָל דער חלום נישט אַרויסלויפען...

איך בין געגאַנגען װײַט-װײַט אויף שטײנערנע גאַסען, צװישען שטײנערנע מויערן, נאָר די ערשטע רגע'ס האָב איך די שטײנער נישט געשפירט, עס האָט מיך ווער געטראָגן, נעפלױגען מיט מיר און אראָפּגעלאָזען מיך אַלץ נידעריגער, אַלץ ני-דעריגער, ביז איך האָב דערפילט דעם'גרויען הארטען באָדען אונטער זיך...

דער קאַנאַרעק.

יעדען טאָג הייגגט מיין שכן אַרויס זיין קאַנאַרעק אויפ׳ן באַ־קאָן און יעדען טאָג שפּילט זיך דערביי אָפּ די זעלבע סצע־נע:

פון אַלע דעכער, פון אונטער די דעכער, פון די גרויע הויפען, פון די האַלב נאַקעטע בוימער קומען צעפליהען גרויע ווראָבלעס אין עס גייט אַוועק אַ פּיפּסעריי, אַ טשיקוועריי פון דער חברה גרוי־קעפּעלדיקע.

זיי שטעלען זיך אַרום דער שטייגעל, אויפ׳ן שטייגעל. זיי פּיקען און בייסען דעם דראָט פון אַלע זייטען.

אַ מלחמה, אין אַ גוצלאָזע מלחמה. דער קאַנאַרעק שטייט אינמיטען שטייגעל אויף זיין דראָט און ענטפערט זיי נישט, און אַז זיי דערעסען אים שטאַרק מאַכט ער צו אַנ׳אויגעל און דרי־מעלט, עס חלום׳ן אים זיך אוודאי זיינע עקזאָטישע אינזלען, זיין הימעל און זיין געלע משפחה.

די פויגלעך, די גרויע טרעטען נישט אָפּ פון באַלקאָן, ביז מיין שכן נעמט דעם קאַנאַריק צוריק אריין אין חדר.

וואָס ווילען זיי פון אים? פאַרוואָס זיינען זיי אַלע אַזוי בייז אויף אים.

אפשר נאָר דערפאַר, ווײַל זיינע פעדערן זיינען געל און
נישט גרוי?

אפשר דערפאַר, ווײַל ער קאָן זינגען, דער געלער ממזר?

קאַשטאַנעס.

די צייט, ווען בלעטער געלע פאַלען און מיט זיי אינאיינעם פאַלען צייטיגע ברוין־פּאָלירטע קאַשטאַניעס.

פון חדר פלעג איך אַמאָל אַנטלויפען וויט אויף דער פּאַלאַץ־גאַס, מיט שרעק מיט מורא. דאָרט אין גאָרטען איז אַ בייזער שומר געווען מיט בייזע הינט.

נאָר שטיין נאָך שטיין שיק איך אין די צווייגען אריין און גאָט העלפּט:

עס שפּרינגען קאַשטאַנעס אויף דרערד, עס פּלאַצען די גרינע שיידלעך און איך קלויב פולע קעשענעס אָן.

באַגינען פלעג איך זיך אויפכאַפּען און אַנטלויפען צו דער פּאַלאַץ גאַס. דער ערשטער זיין, איבערנאַכט פלעגט עס אַ שפּאָר ביסעל אַראָפּפאַלען. איך שפּרייז לעם געמויערטען פּליט און שאַר מיט די פיס די בערגלעך געלע בלעטער און יעדע רגע קיקט פון דאָרט אַרויס אַ רויט־ברוינע אויגעל.

אין קעשענע אריין.

אַזאַ רייכקייט, אַזאַ אוצר און אויפ'ן גאַס איז נאָך קיין לעבעדיקער נפש נישטאָ. די יונגלעך, די שקצים וועלען שפּעטער קומען זוכען, נאָר איך האָב שוין דעם גרעסטען חלק צוגענומען.

איִך זוך נאָך. פֿון בוים פֿאַלט עפּעס אַראָפּ און גיִט מיִר גלײַך אַ פּויק אין קאָפּ אַריין.

איִך דערשרעק זיִך און דערפריי זיִך...

אַ קאַשטאַן. נאָך אײנער, נאָך אײנער...

אָזאַ אוצר...

נעמט מיך מיט...

הויך-הויך איבער אונזערע מויערן, איבער די גאָטישע שפּיצען פון די קלויסטערס פליט האסטיג א מחנה פויגעל, אין א דוגע אין א סימעטרישע פליען זיי.

ווייט-ווייט. אין וועלכע לענדער? צו וועלכע וואונדער-בארע ברעגען?

ביי אונז האָט אויך געלויכטען די זון און די פעלדער זענען גרין געווען. זענען זיי צו אונז צוגאסט געקומען און איצט פליען זיי צוריק.

וואוהין? אין וועלכע אוראלטע וועלדער, צו וועלכע מענשען?

די וועלט איז דאָך אזוי גרויס, די חייטקייט אזוי ווייט און פליען קאָן איך נישט.

מיט אַ רחמנות בליק קוק איך, ווי די פויגעל-דוגע ווערט פארשוואונדען און נישט ווילענדיק כאַפּט זיך אַרויס ביי מיר פון הארצען א זיפץ.

ווי א קינד בעט איך זיך: נעמט מיך מיט!

און ווען איך לאָז אַראָפּ צוריק די אויגען אויף דרערד, זע איך, אז איך שטיי אויף אַ בערגעל געלע בלעטער און גע-ציילטע פעדערלעך פון פארלאָזענע נעסטען פליען און שוועבען פאַר מיינע טרייסטלאָזע אויגען.

קאַרטאָפעל בראָטן מען...

עטליכע באָרוויסע פויערטעס אַרבייטען שווייגענדיג. מיט די קורצע גראָב-אייזענס גריבלען זיי זיך אין די געדערעם פון דער שוואַרצער ערד, וועלכע שמעקען איצט מיט אַ פאַרפוילטע פרישקייט.

עס שפרינגען אַרויס די באַהאַלטענע קאַרטאָפעל, אויף אַנדערע היינגען שטיקלעך וואָרצלען, וואָס זעהען אויס ווי ווערעם.

אויפן פעלד יאָגט אַ ווינט, אויפן הימעל לויפען נידעריגע וואָלקענס. דאָ און דאָרט וויגען זיך מידע קראָען אין דער לופטען.

און נאָך אַביסעלע ווייטער זעט זיך אַרויכעל אויף דרערד, דאָס באַקען די שקצים צוגנבעטע קאַרטאָפעל.

דער ווינט צעטראָגט און צעיאָגט דעם רויך, וועלכער גיסט זיך אויך צענויף מיט דער עלענדער גרויקייט.

איך גיי דאָ צופעליג פאַרביי איך קוק אין אַלע זייטען. איך ווייס ניט פאַרוואָס און פאַר וועמען; מיר דאַכט זיך אַלץ אויס, אַז באַלד וועט דאָ פאַרבייגיין אַ נ'אָרעמע לויה...

אויף אַ מויערישע מורעל וועט שטיין אַ פּראָסטע הילי־
צערנע טרומנע, אַ דאַרער זערדעל וועט עס פּירען אין דער
היסטעניש אריין.
די באַגלייטער וועלען זיין די קראָען...

קצבים.

דיקע אָקסישע העלזער, ברייטע אַקסלען, קליינע אויגען
מיט פעטע קישעלעך אַרומגעוויקעלט. גרויסע הענט מיט שטענ־
דיג פאַרבלוטיגטע פינגער...

א האַק, אַ שאַרפער מעסער און אַ יאַטקע־קלאָץ.
דאָס איז די גאַנצע דעקאָראַציע פון זיין לעבען.

טרעפט אַמאָל, אַז אַזעלכע צוויי אָקסען־מענשען צעקרי־
גען זיך און עס גייט אַוועק אַ געשלעג. מען שלאָגט זיך מיט
די הענט, מיט די פיס, קאָפּ אין קאָפּ, רוקען און רוקען.
עס גיסט זיך בלוט פון די צוויי און די איבעריגע שכנים מישען
זיך אויך אריין אין געשלעג, פון ווויל־יונגערישקייט.
אַלע מיט פאַרבלוטיגטע הענט, מיט אַ ריטשען פון אָקסען
עס גייט אַוועק אַ ברומעריי, אַ מרוטשעריי פון מענשען...
וועלכע לעבען שטענדיג אַזוי נאָנט פון די אָקסען, פון מענשען
ביי וועמען די אויגען זענען איינגעזאַפּט מיט בלוט פאַרב, פי־
מענשען, וועלכע זענען שוין באַלד אליין אָקסען...

אין צווייטען, אין דריטען קוואַרטאַל דערהערט מען די
געשרייען, מען דערוויסט זיך גלייך די סיבה...

די קצבים שלאָגען זיך...

מאַרק.

אויף אַ קליינעם פּלאַץ, האָט זיך די גאַנצע וועלט צענויפגעקליבען.

הוּ; האַ! הוּ; האַ!

מענש, פערד, עופות, בהמות, געגז, הינדיקעס, יונגע הענדלעך קרייען און די פערד הירזשען. אַ יונגער אָגער האָט זיך דאָ אויפ'ן מארק פאַרליבט אין אַ דאָרפישע קליאַטשע א ז ער רייסט זיך פון די אָגלאָבליעס, שטעלט זיך אויף צוויי פיס און הירזשעט. פון זיין הירזשען נעמען די הינדיקעס ראָלדלען, הינט נעמען בילען, גענז נעמען שרייען.

די מענשען וועלען צעטומעלט איינער דעם צווייטען הערט נישט.

אַ פויער כאַפּט אַ דראָנג און נעמט שלאָגען דעם צעווילדעוועטען אָגער. עס ווערט רוהיגער, עס גייט דער האַנדעל.

פון די פעלדער, פון די דערפער, פון די גערטנער און פון די סעדער האָט מען דאָ געבראַכט גאָטס מתּנות.

און יעדער מין רייצט און רופט צו זיך.

אַ גרינליכער „וואָגען היי“, רויטע בעקלעך פון עפּעל, טונקעלע בלויקייט פון די פלוימען.

גרינקייט, רויטקייט, בלויקייט.

אַלע פאַרבען. אַלע קלאַנגען... עס גייט, עס לעבט, עס נאַוועגט זיך אַ לעבעדיקע, אַ רוישענדיגע, אַ ווייט הילכידיגע... וארק=סימפאָניע.

מען גראָבט די ערד.

עס שטייען צענדליגער, הונדערטער מענשען.
מיט לאָמען, מיט רידעלס...
מען גראָבט די ערד, וואָס ווערט מען דאָ בויען? אַ טורעם? אַ באַן־ליניע? וואָס זוכען זיי דאָ די מענשען אין די זאַמדיגע, פֿאַרשטיינערטע פּלאַסטען?

זיי שטייען מיט שאַרפֿע גלאַנציגע רידעלס און עפענען די האַרץ פֿון דער אייביגקייט.

עס שמעקט מיט אוראַלט, מיט פֿאַרדעמפּטע טויזענט־יעריגקייט.

עס גלאַנצען די בערגלעך אָנגעשאָטענע זאַמד, עס טראָגט זיך אַרום די פייכטקייט, וואָס וועבט זיך אויס איבער נאַכט.

דאָ און דאָרט באַווייזט זיך וואַסער, עס פּלאַצען אָדערן ביי דער ערד, מוטנע קוואַלען נעמען שפּריצען.

אַ קרעט כאַפּט זיך אויף פון זיין שלאָף און נעמט לויפען.
אַ רידעל לייגט אים אַוועק אויפ'ן אָרט, אַ טראָפּען טונקעלע בלוט באַשפּריצט די פרישקייט פֿון זאַמד און ווערט באַלד פֿאַרשאָטען.

מען גראָבט די ערד.

עֶס קאָן זיין צום ערשטען מאָל אָטהעמען זיי אין לופט ויִ אויפגעעפענטע פלאָסטען.

עס קאָן זיין, אַז דאָ איִז אמאָל אַ בית־עולם געווען.

עס קאָן זיין, מען וועט דאָ באַלד אַנ׳אוצר געפיִנען.

טיִפער, טיִפער שניידען זיִך איין דיִ גלאַנציִגע ריִדעָלס און דעם מענשענס אויגען לויערן און קוקען אָנגעשטריינגט איִן דער אלטער ערד אַריין...

אינהאלט:

	זייט.
מאָן-בלומען	5
אַ בוים	7
מאַטאַציקל	10
אַ גנב	13
זשוקעס	15
ליבער פאַר אַלץ	17
ביכער	19
דער סוף	22
אין אַ אומעטיגען אָוונט	25
אַ באַגעגעניש	26
שטילקייט	27
וואָס אַ פרוי טראַכט	28
וואָס אַ פרוי פאַרלאַנגט	30
צוויי וועגען	32
אַן'איינזאַמע לויה	34
דער פּאָעט	36
דער אַקטיאָר	37
אַ שמועס	39
וועמעס אוינען?	41
ביים מאָלער	42
אין דער זון פאַרליבט	43
אייביג ווייטער	45
ווייסע בלומען	47
גליק	49
פאַרלאָזענע	51
מענש און מאָדע	55

	זייט
די וועלט אַ ים	57
צו דער וואָכעדיגקייט	59
שמעטערלינג	61
דער נביא	63
אין דער הויך	65
אַן'אָ־לער אין צירק	67
די אייביגע צווי?	69
עראינערונגען	72
בעזים	74
בלוט	78
שולמית	81
פרעמד	83
מיין ווינקעלע	85
אַ קינד	87
אַ קוש	89
אַ רויבער	91
וואַלד-רויש	93
פיש אויפ'ן ברוק	95
סאָלדאַטען גייען	97
איר קלאַוויר	98
ביים גערטנער	100
אַ בליק	101
ווי עס שטאַרבט	102
אין קאַפע	104
אָרעמע נאַכטיגאַל	107
מוראַשקעס	109

	זייט.
אומעטיג אָן דיר	111
דער פֿאָנטאַן	116
מיט'ן ביטערן פּאַפּיראָס	118
קינאָ	120
הונדערט פידלען	121
דיר קאַנאַריק	123
קאַשטאַנעס	125
נעכט מיך מיט	127
קאַרטאָפעל	128
קצבים	130
מאַרק	131
מען גראָבט	133
אין טאַנק-קלאַס	135
ערנאָ	137
אַ בן-יחיד	139
אין דער נאַכט אריין	140
אַ בריליאַנט	142
איינער	144
האַרבסט	146
אַ שטיין	147
איינזאַמעס האַרץ	148
צעשאָטענע טענער	150
די וועלט איז קראַנק	152
דער שטורעם	153
גיב דיין לידו	154